STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10777

FARN HEYMLAND, IN SHLAKHT!

ÉEmmanuil Kazakevich

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאָרן היימלאַנד,
אין שלאַכט!

(זאַמלונג)

אָגיז
מעלוכע-פאַרלאַג „דער עמעס“, מאָסקווע 1941

אינהאלט

ד. בערגעלסאָנ — דאָס דערהויבענע וועט זיגנ 3

ב. אָרשאנסקי — אויסראָטנ די פאשיסטישע באנדע 6

י. נוסינאָוו — ס'גייט אינ גורל פונ דער מענטשהײַט 9

י. דאָברושינ — ס'האָט געשלאָגנ די שאָ 11

מ. ווינער — דאָס איז א מילכאָמע פאר אלעמענס גליק 14

פ. מארקיש — לידער:

צוריק אינ הייל ארײַנ 16

די שוווע פונ דער שווערד 22

יעדער טאנק וועט א קייווער זײַ ווערנ 24

ב. אָליעווסקי — איכ ווארט דעמ טאָג (ליד) 26

ע. פײַנבערג — דעמ פײַנט צעשמעטערנ (לידער) 27

ל. קוויטקאָ — לידער:

פײַער אפ די סאָנימ 31

ווינטשעוואניעס 32

ש. האלקינ — לידער:

די הייליקסטע פליכט 34

אלע, אלע אפנ פײַנט 35

ש. ראָסינ — לידער:

דער מענטש 37

בארג־ארופ — דער וועג 39

י. קערלער — בא ליבשאפט בא מײַנער איכ שווער (ליד) 40

עמ. קאזאקעוויטש — ווי פונ אויג דאָס שווארצאפל (ליד) 41

ש. גאָדינער — איינער אלייג אינ פעלד (דערציילונג) 42

י. דאָברושינ — צוויי געשיכטעס (א סצענישער דיאלאָג) 58

ש. גאָדינער אונ י. זעלדינ — אונדזער מישפאָכע (א בילד) 60

ЗА РОДИНУ, В БОЙ!

(сборник)

(На еврейском языке)

Редактор Б. Гольденберг

Подписано к печати 9/VIII-1941 г. А-38104. 4 печ. лист. 3½ уч.-изд. листа.
Тираж 3000 экз. Заказ № 474. Цена 75 коп.

17-я Фабрика национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига".
Москва, Шлюзовая наб., 10

דאָוויד בערגעלסאָן

דאָס דערהויבענע וועט זיגן!

וועגן דעם מיטלאַלטערלעכן שרעקבילד — אינקוויזיציע האָט אין זעכ־צנטן יאָרהונדערט געשריבן דער גלענצנדיקער דיכטער שמועל אוסקווע:
„יעדעס אָרט, וווּהין זי צילט מיט איר פֿלי, יעדעס געבענטשט פֿעלד, אויף וועלכן זי שטעלט אַוועק איר פֿוס, יעדער בליִענדיקער בוים, צו וועלכן זי רירט זיך צו, — ווערט גלייך פֿאַרטריקנט, פֿאַרוועלקט און כאָרעוודיק־פֿאַרטרויערט. איר האַרץ איז אויסגעגאָסן פֿון שטיין, איר מויל עפֿנט זי נאָר אויף אַרויסצולאָזן רעציכעדיקע קלאַנגען, איר שטרעבונג איז פֿאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ מידבר, און גאָרניט זאָל אויף דער גאָרער ערד ניט וואַקסן, און ניט בלייבן זאָל אויף איר קיין זאַפֿטיקע פֿלאַנצונג, און ניט שפּראָצן זאָל אויף איר קיין גרינ גרעזל ערגעץ־ווו".
און די דאָזיקע ווערטער, ווי שטאַרק די אַכזאָריעס פֿונעם מיטל־אַלטער האָט אין זיי ניט אָפּגעקלונגען, זיינען דאָך צו קנאַפּ, צו שוואַך און צו בלאַס אויף צו כאַראַקטעריזירן מיט זיי דאָס שרעקבילד פֿון אונ־דזער צייט — דעם בלוטדורשטיקן היטלערישן פֿאַשיזם.
מיט דעם צייכנט זיך אויס דער פֿאַשיזם, וואָס ער האָט זייער ווייט אַריבערגעשטייגט אַלע־ליי הימלשרייענדיקע מערדערישקייטן, וועלכע זיי־נען ווען־ניט־איז אָפּגעטאָן געוואָרן און האָבן אויף אייביק זיך איינגע־קריצט אינעם זיקאָרן פֿון דער מענטשהייט.
און נאָך אָט מיט וואָס ער צייכנט זיך אויס: ער איז אין זיין טאָך דורך און דורך אַ סאַדיסטישער. אין אַלע לענדער, וואָס די פֿאַשיסטן האָבן ביז היינט צו טאָג באַוויזן צו פֿאַרכאַפּן, פֿאַרקנעכטן זיי די מענ־טשן ניט בלויז צוליב אַרויסקריגן פֿאַר זיך נוצן, נאָר אויך — און טייל־מאָל דעריקער — צוליב דעם סאַדיסטישן פֿאַרגעניגן, וואָס זיי שעפּן פֿון דערנידעריקן און אויסראָטן מענטשן. דער דייטשישער באַלעבאָסטע, וועלכער זיי גיבן איבער אַ פּויליש מיידל אויף צו עקספּלואַטירן, ווי אַ דינסט, פֿאַרזאָגן זיי האַרב, אַז דעם אומגליקלעכן פֿאַרהאָרעוועטן מיידל זאָל מען אין שטוב אויף יעדן טריט און שריט געבן אָנצוהערן: „אקעגן

אונדז ביסטו א באשעפעניש פון דער סאמע נידעריקסטער מאדרייגע!" מיט דעם זיינען זיי אויסן אָנצושטעקן די דײַטשישע באַלעבאָסטעס מיט זייער סאדיזם. זיי שטרעבן, אָט די אויסוואורפן, אז אלע זאָלן זיך דורכדרינגען מיט זייער גיפט. דאָסגלײַכן האלטן זיי זיך אָפּ פון דער גרויסער פאשיסטישער האנאָע אוועקצוהארגענען גלײַך א יידישע מוטער מיט איר גערעאָטענעם דרײַצניאָריקן יינגל נאָר דערפאר, וואָס נאָך א פיל גרעסערע האנאָע וועלן זיי האָבן, ווען זיי וועלן צווינגען די דאָזיקע אומגליקלעכע מוטער, זי זאָל אליין פירן צו זיי איר גערעאָטן יינגל, זיי זאָלן אים סטעריליזירן.

די פאָרגייער פון היטלערן און פון זײַנע אָנהענגער זײַנען יענע באוווסטע גרופּע פארברעכער סאדיסטן, וואָס האָבן אין דײַטשלאנד נאָך אין די צײַטן פונעם „צווייטן רײַך" באוויזן צו הארגענען אין דער שטיל יעדערער ארום צענדליקער מענטשן און האָבן נאָכדעם אפן גע-דיכט זיך מוידע געווען, אז געטאָן האָבן זיי עס דעריקער צוליב דער גרויסער האנאָע, וואָס זיי האָבן, בײַס זיי לאָזן ארויס פון א מענטשן די נעשאָמע, און אז דער פּראָפיט, וואָס זיי האָבן געהאט פון פארקויפן דאָס פלייש פון זייערע קאָרבאָנעס, ווי דאָס פלייש פון פי, איז שוין געווען בא זיי א פארגעניגן פון א צווייטער, פיל קלענערער מאדרייגע.

היטלער מיט זײַנע אָנהענגער האָבן בלויז פאנטאסטיש גיך אויסגע-ברייטערט דאָס „געשעפט" פון די מערדערישע פאָרגייער זייערע און האָבן טעראָריזירט די וועלט. זיי האָבן דערקלערט א בלוטיקע מילכאָמע יעדן פּראָגרעסיוון מענטשן אומעטום, אין וועלכן לאנד ער זאָל זיך ניט געפינען. זיי האָבן באשפיגן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן און האָבן אופגעמונטערט דאָס פארברעכערישע בא אלע פארברעכער אין אלע וועלט-טיילן.

מיט שטינק-באָמבעס האָבן זיי טאָגטעגלעך באוואָרפן אלץ, וואָס דעם אָרנטלעכן מענטשן איז אין אלע צײַטן פון דער מענטשלעכער גע-שיכטע געווען הייליק און טײַער. און דאָס פילמיליאָניקע סאָוועטישע פאָלק, דערצויגן אינעם גרויסן הומאניסטישן גײַסט פון לענינען און סטאלינען, איז פון דער דאָזיקער פארשווערונג דערשיטערט געוואָרן ניט ווייניקער, ווי פון די בראנד-באָמבעס, מיט וועלכע די היטלערישע הענקער טייטן טאָגטעגלעך שוואכע זקיינים, פרויען און קינדער. רויק, ווי איין מענטש, האָט דאָס גרויסע פאָלק זיך אוועקגעשטעלט באשיצן די גרענעצן פונעם פאָטערלאנד, וואָס פארווירקלעכט די גרעסטע לעבנס-אידעאלן, די בעסטע טרוימען פון אלע דערהויבנסטע מענטשן אין דער וועלט. באשיצנדיק דאָס הארץ און די האָפענונג פון דער וועלט, רעדט איצט דאָס פאָלק ווייניק, — עס טוט. עס איז באוואָפנט אי מיט דער גרעסטער פיזישער

און טעכנישער קראפט, אי מיטן גרעסטן מענטשלעכן גײַסט. טראָגנדיק סטאלינען בא זיך אין הארצן, איז יעדערער פון אונדז גרייט אָפּצוגעבן זײַן לעבן אין דער גרויסער שלאכט צווישן דער וועלטס שטאָלץ און צווישן דער מיִעסטער פאריסענער שאנד. דאָס אומווירדיקע האָט ארויס-געדופן אף א מילכאָמע דאָס דערהויבענע, און דאָס דערהויבענע וועט זיגן, ווײַל עס איז אין אלע הינזיכטן שטארקער און מעכטיקער פונעם סוינע. מיט סטאלינס נאָמען גייען מיר באשיצן אונדזער הייליק סאָציאַליסטיש פאָטערלאנד.

ס׳ארע גוט וואָרט — סאָציאַליסטיש פאָטערלאנד! — סע וועט זיגן!

ס׳ארא דערהויבענער נאָמען — סטאלין! — ער וועט ראטעווען די וועלט!

ב. אָרשאַנסקי

אויסראָטנ די פאַשיסטישע באַנדע!

אפ אונדזער גרויסנ, טײַערנ פאָטערלאַנד, וואָס פאַר יעדנ שפּאַנ ערד זײַנעם האָבנ מיר געצאָלט מיט בלוט אונ לעבנס פונ אונדזערע בעסטע זינ אונ טעכטער; אונדזער פאָטערלאַנד, וואָס מיר האָבנ דורכ צענדליקער אונ הונדערטער שלאַכטנ אינ פלאַמ אונ פײַער פונ בירגער-קריג דורכגעטראָגנ; אפ אונדזער גרויסנ, הייס געליבטנ, לײַבלעכנ פאָטערלאַנד, וואָס יעדער שטראַל ליכט אפ זײַנ ערד, יעדער טראָפּנ פרײַהײַט זײַנער איז אויסגעקעמפט אונ געהייליקט געוואָרנ דורכ בלוט פונ פלאַמיקע פאַטריאָטישע הערצער פונ גאַנצע דורות בעסטע רעוואָליוציאָנערנ, — אפ אונדזער הייליקנ פאָטערלאַנד האָט זיכ מיט אַ ווילדער צעבושעוועטער קראַפט ארופגעוואָרפנ דער גאַזלאָניש-צעיושעטער, בלוט-דורשטיקער פאַשיזמ.

— וואָס זײַנענ מיר געווענ — באַזונדערס מיר ייִדנ — ביז דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער-רעוואָליוציע?

צו שטויב פונ אונטער די פיס זײַנענ מיר געגליכנ געווענ, צו בלאָטע האָט מענ אונדז שטענדיק געמאַכט. יעדער אויסוואורפ אונ מענוול האָט זיכ פראַנק אונ פרײַ, אָנ שומ שטראָפ, געקאָנט איזדיעקעווענ איבער אונדז, טרעטנ מיט די פיס אונדזער מענטשלעכע ווירדע. מענטשנ פונ דער לעצטער מאַדרייגע זײַנענ מיר געווענ. ווער געדענקט ניט יענע פינצטערע, בלוטיקע צײַטנ, ווענ דער גורל פונ יעדנ אייניציקנ פונ אונדז איז אינגאַנצנ געלעגנ אינ די הענט פונ אומבאַגרענעצטנ ווילקיר?

די גרויסע סאָציאַליסטישע אָקטיאַבער-רעוואָליוציע האָט אונדז פאַר מענטשנ געמאַכט אונ מיט אַלע מענטשנ אינעמ לאַנד גלײַכ. זי האָט די געטאָ-ווענט צעשמעטערט, אונדזערע רוקנס אויסגעגלײַכט, זי האָט אונדז אַ נײַ לעבנ געגעבנ, אַ פריידיקס אונ אַ גליקלעכס. זי האָט פאַר אונדז

אַלע טויערן פון מעלוכע און מעלאָכע געעפנט, די טויערן, וואָס זײַנען ביז דאַן פאַר אונדז אַף זיבן שלעסער געווען פאַרשלאָסן, זי האָט זיי צעפּראַלט פאַר די ברייטסטע מאַסן אונדזערע.

זי האָט אונדז מיט אַלע פעלקער גלײַך געמאַכט און אין דער גליקלעכער מישפּאָכע פון אַלע פעלקער אַרײַנגענומען.

און אַ הארציקע, פלאַמיקע, גרענעצלאָזע ליבע צו אונדזער גרויסן, טײַערן, לײַבלעכן פאָטערלאַנד, צו אונדזער גרויסער פּאַרטיי, צו אונדזער געניאַלן פירער ברענט אין אונדזערע הערצער, אַ ליבע, וואָס קיין שום קראַפט, ווי מעשוגע-ווילד זי זאָל ניט זײַן, וועט זי קיינמאָל אויסלעשן ניט קענען. ווײַל אויסלעשן די הארציקע, פלאַמיקע, גרענעצלאָזע ליבע צו אונדזער גרויסן טײַערן פאָטערלאַנד הייסט אויסלעשן דאָס לעבן.

און אַף אָט דער הייס געליבטער מאַמע-ערד אונדזערער, אַף אירע פעטע, בליִענדיקע פעלדער, אַף אירע אוראַלטע וועלדער, אַף אירע אָנצאָליקע רײַכטימער, וואָס ליגן אין אירע טיפעניששן, אַף די צענדליקער פעלקער, באַפרײַטע פון אַלטן בלוטיקן צאַרישן יאָך, באַפרײַטע פון פיזישער און גײַסטיקער עקספּלואַטאַציע, אַף די צוויי הונדערט מיליאָן גליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט פרײַ אָנגעהויבן צו אָטעמען, — אַף דעם אַלעם האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַ באַנדע מעשוגענע, צעווילדעוועטע פאַשיסטישע כײַעס און וויל מאַכן אַ טעל פון אונדזער לאַנד.

זיי ווילן אונדז פאַרקנעכטן און צעטרעטן, זיי ווילן אונדז אויסראָטן פון דער ליכטיקער וועלט. זיי ווילן ברענגען אַפן אויטאָ-דאַ-פע די גאַנצע וועלט-קולטור. אַלץ, וואָס דער מענטשלעכער געני האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, אַלץ, וואָס די בעסטע, ליכטיקע מויכעס פון דער וועלט האָבן מיט אַזויפיל מי און ליבע געזאַמלט און אָנגעזאַמלט, — דאָס אַלץ וויל די מעשוגענע פאַשיסטישע באַנדע צעטרעטן, פאַרברענען, פאַרניכטן.

איין „קולטור" וויל זי איבערלאָזן הערשן אַף דער גאַנצער וועלט — די „קולטור" פון האַק און שווערד, די „קולטור" פון טאַליען. דער פאַשיזם האַלט, אַז עס דאַרף ניט בלײַבן אין דער וועלט קיין איין מענטש, וואָס טראַכט און דענקט. פּוסט דאַרף זײַן אינעם מענטשנס קאָפּ, אויסגעלאָשן דאַרף ווערן דעם מענטשנס האַרץ. אין אייזלען, וואָס ווייסן נאָר מאַסע שלעפּן, דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן די גאַנצע מענטשהײַט: אונטערגיין דאַרף די איצטיקע וועלט, און אַף אירע כורוועס זאָל אויסגעבויט ווערן אַ גראַנדיעזער קאָנצלאַגער, און די גאַנצע מענטשהײַט זאָל מיט דער צעיושעטער פאַשיסטישער נאַהײַקע אַהין פאַרטריבן

ווערן, און הערשן זאָל איבער דער גאַנצער וועלט די „אויסדערוויילטע" ראַסע — די אַרישע ראַסע. אָט וואָס עס האָט פאַרטראַכט פאַר אונדז, פאַר אונדזערע צוויי הונדערט מיליאָן פרײַע סאָוועטישע בירגער דער מעשוגענער סאַדיסט און טאַליען היטלער.

דער קאַמף וועט זײַן א שווערער. אָבער זאָל יעדערער פון אונדז סאָוועטישע בירגער געדענקען: אונדזער פערזענלעכ לעבן, דאָס לעבן און די גליקלעכע צוקונפט פון אונדזערע קינדער איז אָפּהענגיק פון דעם ניצחון איבער דעם גיפטיקן פאַשיזם. ניטאָ קיין אַנדערע אינטערעסן אין לעבן, אויסער דעם אינטערעס פון פאַרטיידיקן דאָס היימלאַנד. ניטאָ קיין אַנדערע דײַגעס און זאָרגן, ווי די זאָרג, אז אַלץ אויפן פראָנט און אין טיל זאָל זײַן קאָנצענטרירט אַרום דער לעצטער און אַנטשיידענער שלאַכט קעגן דער מענטשנפרעסערישער באַנדע.

פון אונדז, פונעם גרויסן סאָוועטישן פאָלק, וועט דער פאַשיזם קריגן די מאַפּאָלע. דאָס מאָל וועט זיך דער פאַשיזם באַגעגענען מיט א פינצטערער און ביטערער אַנטוישונג. דאָס גרויסע, מעכטיקע סאָוועטישע פאָלק וועט זיך ניט לאָזן פאַרשקלאַפן. א פאָלק, וואָס האָט ניט איין מאָל אַרויסגעשלײַדערט פון זײַן ערד, ווען יענער האָט זי גע־פּרוּווט פאַרכאַפּן; א פאָלק, וואָס האָט אויסגעכאָוועט גאַנצע דורעס קעמפער רעוואָלוציאָנערן; וואָס האָט געגעבן דעם לאַנד אַזא גענ׳יאַלע קאָמוניסטישע פאַרטיי, אַזעלכע גענ׳יאַלע פירער, ווי לענין און סטאַלין; א פאָלק, וואָס לעבט שוין באַלד א פערטל יאָרהונדערט אין זײַן אויס־געקעמפטער סאָציאַליסטישער אָרדענונג, אין פולשטענדיקער פרײַהײַט, אונטער דער ליכטיקער זון פון דער סטאַלינישער קאָנסטיטוציע, — אַזא פאָלק וועט דורך קיין שום קראַפט אין דער וועלט ניט אײַנגעבראָכן ווערן, אַזא פאָלק וועט זיך קיינמאָל ניט לאָזן פאַרשקלאַפן!

זיך און אַלץ גיבן מיר אָפּ דעם פראָנט, אונדזער גרויסער, מעכ־טיקער, אומבאַזיגבאַרער רויטער אַרמיי, און אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער לײַבלעכער, גרויסער קאָמוניסטישער פאַרטיי, פון אונדזער גע־נ׳יאַלן פירער און סטראַטעג, דעם כאַווער סטאַלין, וועלן מיר באַזיגן דעם פאַשיזם און אים ענדגילטיק פאַרניכטן.

צעשמעטערן און אָפּווישן פון דער ערד די צעיושעטע, ווילדע, גיפ־טיקע באַנדע פאַשיסטישע טאַליאָנים!

לעבן זאָל דאָס גרויסע, פרײַע, טײַערע סאָוועטישע לאַנד!

י. נוסינאָוו

ס'גייט אין גורל פון דער מענטשהײַט!

דער היטלערישער פאשיזם האָט איין ציל: פארוואנדלען גאנץ אייראָפּע, די גאַנצע וועלט אין איין קאָנצלאגער, אלע פעלקער אין איינ געפענטעטן שקלאַפ, די גאַנצע מענטשהײַט אין צווייפיסיקע אייזלען, און פארווירקלעכט זאָל אָט דאָס אלץ ווערן מיט די מעטאָדן פון בלוטדורשטיקע ווילדע כײַעס.

די מענטשהײַט האָט דורך לאנגע דורות געשאפן א קולטור, אויסגעבילדעט פאַרשטעלונגען פון רעכט, געבאָטן פון הומאניטעט, אידעאלן פון גערעכטיקײַט.

ווילדע כײַעס ווייסן ניט פון קיין רעכט; שאקאלן פארמאָגן ניט קיין אידעאל; מענטשנפרעסער האָבן קיין באגריף ניט פון קיין מענטשלעכע געבאָטן.

פאשיסטן ווייסן בלויז פון איין אינסטינקט — פון בלוטדורשטיקן סאדיסטישן פארדארבן.

די געשיכטע ווייסט ניט פון אזעלכע בײַשפּילן, וואָס מע זאָל זיי קאָנען פארגלײַכן צו דעם, וואָס די פאשיסטישע באצווינגער טוען מיט די פעלקער, וועלכע זײַנען ארײַנגעפאלן אין זייערע נעגל. די געשיכטע ווייסט ניט פון אזא כײַיש-ווילדער אכזאָריעס, פון אזא בלוטדורשט, ווי בא די פאשיסטן בענעגייע זייערע קאָרבאָנעס.

די פאשיסטישע הענקער ווייסן זייער גוט, אז די טורמע, אין וועלכער זיי האָבן פארוואנדלט אייראָפּע פון לאמאנש ביז די גרענעצן פון ראטנפארבאנד, שטייט אפ זאמד, קאָלזמאנג דער ראטנפארבאנד — די פעסטונג פון דער מענטשהײַט — איז שטארק און פרײַ.

בא אָט דער פעסטונג פון דער מענטשהײַט וועלן די פאשיסטישע כײַעס צעברעכן זייערע קעפּ. גערעכט איז געווען אונדזער אומשטערבלעכער גאָרקי, ווען ער האָט געשריבן, אז ס'איז ניט פאראן אזא קראפט

אפ דער וועלט, וואָס זאָל אימשטאנד זײַנ פארטונקלענ דעמ פאקעל, וואָס לענינ האָט אָנגעצונדנ. די מענטשהײַט קאָנ ניט אונ וועט ניט אומקומענ, אונדזער לאנד, לענינ — סטאלינס לאנד וועט זיגנ, ווײַל פונ דעמ הענגט אָפּ דער גורל פונ דער מענטשהײַט.

מיר, סאָוועטישע יִדנ, בירגער פונ אונדזער גרויסנ היימלאנד, דארפנ זײַנ אינ די פאָדערשטע רייענ פונ די בעסטע קעמפער אינ דער מילכאָמע פאר אונדזער לאנד, פאר דער גאָרער מענטשהײַט.

לענינ האָט איינמאָל געשריבנ, אז די „אלוועלטלעכ-פּראָגרעסיווע שטריכנ פונ דער יִדישער קולטור” האָבנ זיכ אלעמאָל ארויסגעוויזנ אינ דעמ, וואָס „דער פּראָצענט יִדנ אינ דעמאָקראטישע אונ פּראָלעטארישע באוועגונגענ איז אומעטומ העכער פונ דעמ פּראָצענט יִדנ צווישנ דער באפעלקערונג בכלל” (לענינ, באנד, XVII, ז. 138).

דער דאָזיקער בעסטער טראדיציע פונ אונדזער פאָלק וועלנ מיר בלײַבנ טרײַ אינעמ הייליקנ קאמפ פאר אונדזער היימלאנד קעגנ דעמ פאשיזמ.

די פעסטונג פונ דער מענטשהײַט — אונדזער היימלאנד — מוז באשיצט ווערנ, דאָס לאנד פונ לענינ — סטאלינ מוז זיגנ!

י. דאָברושינ

ס'האָט געשלאָגנ די שעה!

ס'איז געווענ אינ איינעם א פארטאָג אינ יאָר 1918 אינ קיִעוו אפנ וואָקזאל. אפ איינער פונ די באנ-ליניעס איז געשטאנענ גרייט א צוג, וואָס איז געגאנגענ אפ מײַרעוו, געפירט האָט ער אנ ארבעטער-אָטריאד, וואָס איז געגאנגענ זיכ שלאָגנ מיט די דײַטשישע אָקופאנטנ, מיט וויל-העלמס יונקערשע כאיאָלעס, וועלכע האָבנ פארנומענ אוקראינע אונ האָבנ געהאט בעדייע צו דערשטיקנ די אָקאָרשט דאנ אופגעקומענע יונגע מעלוכע פונ באפרײַטע ארבעטער אונ פויערימ.

ס'איז געווענ צו באווונדערנ די דיסציפּלינירטקײַט, די שטרענגע באוווּסטזיניקע האלטונג פונעם קליינעמ אָטריאד, די מוטיקײַט, מיט וועל-כער דאָס קימאט אומבאוואָפנטע הײַפל ארבעטער איז געגאנגענ זיכ שלאָגנ מיט די אָפגעפרעסענע, פונ קאָפ ביז די פיס באוואָפנטע דײַ-טשישע רויבער-מאכנעס.

אונ אײַנגעשניטנ האָט זיכ מיר אינ זיקאָרנ א שטרענג געזיכט פונ א מיטליאָריקנ רוסישנ ארבעטער. אינ די קנייטשנ פונעמ דאָזיקנ אָפענעמ אויסדריקלעכנ פּאָנעמ זײַנענ נאָכ פארבליבנ די שטויבנ פונ דער פאבריק-מאשינ, בא וועלכער ער איז די נאכט מיסטאמע געשטאנענ, אונ די אויגנ זײַנע האָבנ געלויכטנ קעגנ דער אופגייענדיקער העלער זונ. מיט איינ פוס איז ער געשטאנענ אפנ טרעפּל פונ וואגאָנ, וואָס האָט געהאלטנ אינ לאָזנ זיכ אינ וועג, איינ האנט האָט ער אופגעהויבנ אינ דער הייכ אינ א פויסט, אונ מיט דער צווייטער — האָט ער, זיכ זעגע-נענדיק, ארומגענומענ די פרוי, אונ אָפווישנדיק פונ איר אויג א טרער, האָט ער הארט אונ פעסט מיט א ווונדערבארער זיכערקײַט א זאָג געטאָנ:

— וויינ ניט. מירנ קומענ אינגיכנ צוריק. מירנ נאָר אָפראמענ די פאסקודסטווע פונעמ לאנד...

נאָכאמאָל איז איצט אופגעשטאנענ דאָס לאנד פונ באפרײַטע ארבע-טער אונ פויערימ. ווידער אוועק אָפראמענ די פאסקודסטווע, ארויסיאָגנ אונ פארניכטנ די צעווילדעוועטע דײַטשישע רויבערישע כאיאָלעס, וואָס

זײַנען איצט אונטער דער אָנפירונג פון היטלערן געקומען אוועקרויבן דאָס גליק און די פרײַהײַט בא די פעלקער פונעם ראטנפארבאנד, דער־טרינקען אין בלוט דאָס פארפעסטיקטע, דאָס אופגעבליטע לאנד פון סאָציאליזם.

נישטאָ קיין גרעסערער פײַנט פון דער מענטשהײַט, ווי דער בלוטיקער פאשיזם, און נישטאָ קיין גרעסערער צאָרן, ווי דער צאָרן פונעם סאָוועטישן פאָלק, וואָס האָט דערקלערט א הייליקע פאָטערלענדישע מילכאָמע, גענומען אין זײַנע מעכטיקע הענט דעם גוירל פון דער מענטשהײַט, דעם גוירל פון די אונטערדריקטע פעלקער, וואָס בלוטן אין די אײַזערנע פײַן־קלאמערן, פארצוקטע פון דער פאשיסטישער רויב־כײַע, וועלכע האָט זיך פארמאָסטן אפ זייער מענטשלעכער ווירדע און באוווסטזײַן.

וואָרעם שווערער און פײַנלעכער פון דער פיזישער פארקנעכטונג איז די פארקנעכטונג פונעם מענטשלעכן געדאנק און געוויסן, די פארדארבונג פון דער מענטשלעכער מאָראל, דער מענטשן־האס, די פעלקער־סינע, די פאשיסטישע פארפינצטערונג פון מענטשלעכע הערצער און מויכעס.

— טאָג און נאכט — האָט מיר דערציילט איינער אן אלטער ייִד פון די באפרײַטע מײַרעוו־געגנטן — בין איך געלאָפן אונטערן האָגל פון די פאשיסטישע קוילן, געפירט האָב איך פאר די הענטלעך צוויי קליינע קינדער, מײַנע פאריאָסעמטע אייניקלעך, אייגנטלעך האָבן זיי מיך געפירט, איך בין בלינד געוואָרן אין וועג, פון שרעק און פײַן האָב איך פארלאָרן מײַן ריִע, ס'איז מיר אויסגערונען די שײַן פון די אויגן...
אפ דער גרענעץ — האָט דער אלטער פארענדיקט זײַן דערציילונג — האָט א יונגער רויטארמייער גענומען מײַנע ביידע יעסוימים אפ די הענט און האָט צו מיר געזאָגט:

— איר זײַט פארמאטערט, זיידעניו!

— ס'איז דאָרט פינצטער, טײַערער, — האָב איך אים געענטפערט, — אוי, איז דאָרט פינצטער!..

מיט אָט די שרעקלעכסטע מערדערישע וועלט־פארפינצטערער איז איצט אוועק שלאָגן זיך דער יונגער רויטארמייער. ער איז אוועק אין שלאכט צוזאמען מיט אלע בעסטע זין פונעם פאָלק, צוזאמען מיטן גאנצן סאָוועטישן פאָלק, וואָס האָט אײַנגעזאפט אין בלוט די לעניניש־סטאלינישע געבאָטן פונעם סאָציאליסטישן הומאניזם. דער יונגער רויט־ארמייער וועט זיכער באצאָלן אויך פארן ייִדנס אויגן, ווי פאר דער פארפינצטערטער שײַן פון די אלע, וואָס ווערן טאָג און נאכט געפײַניקט פון די פאשיסטישע גאזלאָנים.

פאַר דער פאַרפינצטערטער שײַנ האָט זיכ פאַרפליכטעט אויכ צאָלנ די סאָוועטישע אינטעליגענצ, די שעפער פונ דער קולטור אונ קונסט, וואָס וועלנ זיכ אויכ שלאָגנ ביזנ לעצטנ טראָפנ בלוט, ביזנ לעצטנ פונק פונ זייער באַוווסטזײַנ. פעלשנ אינ דער דאָזיקער הייליקער פליכט הייסט פעלשנ אינעמ באַרופ פונעמ מענטשלעכנ געדאַנק אונ געוויסנ, פאַראַטנ די דוירעס קולטור-שעפער, קינסטלער, טרוימער, דוירעס קעמפער, וואָס האָבנ אָפּגעגעבנ א לעבנ פאַר דער באַרײַכערונג פונ דער קונסט אונ קולטור, פאַר דעמ איבערבוי פונעמ מענטשלעכנ באַוווסטזײַנ.

דער טאָג פונ געצאָלטס איז געקומענ. די שאָ פונ דער גרויסער מענטשנ-באַפרײַונג האָט געשלאָגנ! מיר וועלנ, ווי דער קיִעווער אַרבע-טער האָט אַמאָל געזאָגט, אָפּראַמענ די פאַסקודסטווע. פונקט ווי דאַנ, אינ יאָר 1918, זײַנענ איצט אָנגעשטרענגט-פאַרהאַרטעוועט די פענעמער באַ די זינ אונ טעכטער פונעמ סאָוועטישנ פאָלק; פונקט ווי דאַנ, הייבט זיכ די האַנט מיט א פויסט אינ דער הייכ, אונ א זיגערישע שוווּע רײַסט זיכ פונעמ האַרצ אונ פונ די ליפּנ:

— פאַרניכטנ, פאַרטיליקנ פונ דער וועלט די פאַשיסטישע אומוויר-דיקײַט!

מ. ווינער

דאָס איז א מילכאָמע פֿאר אלעמענס גליק

די בלוטיקע פֿאשיסטישע הינט פֿײַניקנ פֿעלקער, וואָס זיי האָבנ פֿארשקלאפֿט, פֿײַניקנ אלע ארבעטנדיקע, אלע אָרנטלעכע מענטשנ, יעדערנ, וואָס האָט ניט פֿארלאָרנ די צורע פֿונ א מענטשנ. אומעטומ, ווו זיי שטעלנ ארײַנ א פֿוס, פֿליסנ טײַכנ מיט בלוט. א באזונדער'ס כײַישע סינע ווײַזנ זיי ארויס צו אונדזער ייִדיש פֿאָלק, ווילדע אכזאָריעסנ, וואָס די געשיכטע האָט זיי ביז איצט ניט געזענ. אינ פֿארגלײַכ דערמיט זײַנענ די קאָלערליי אינקוויזיציעס פֿאָשעט א קינדער-שפּיל. די פֿאשיסטישע מענטשנפֿרעסער האָבנ פֿײַנט אונדזער פֿאָלק, ווײַל די בעסטע פֿאָרשטייער פֿונ אונדזער פֿאָלק האָבנ שטענדיק באוויזנ סינע צו קנעכטשאפֿט, ליבע צו פֿרײַהײַט, בוטיקנ מעסירעסנעפֿעש פֿאר דער זאכ פֿונ דער מענטשהײַט.

ווי פֿאר אלע מענטשנ פֿונ אונדזער ברידערלעכער פֿעלקער-מישפּאָכע, איז אויכ פֿאר אונדז, זינ פֿונעמ ייִדישנ פֿאָלק אינעמ ראטנ-פֿארבאנד, ניט פֿאראנ קיינ אנדערע אויפֿגאבע, קיינ שומ טײַערערע אונ הייליקערע זאכ, ווי אינאיינעמ מיטנ גאנצנ סאָוועטישנ פֿאָלק צו באשיצנ די סאָוועטישע ערד אונ צו פֿארניכטנ די פֿאשיסטישע ראָצכימ.

פֿאר יעדנ מענטשנ באזונדער איז איצט דער הייליקסטער כויוו צו דיסציפּלינירנ די גאנצע ענערגיע אינ זײַנ אייגענער נעשאָמע, צונויפֿצוזאמלענ דאָס בעסטע, דאָס איידלסטע, דערהויבנסטע אינ זײַנ געמיט, צונויפֿצוזאמלענ עס ווי אינ א פֿויסט, צונויפֿצוזאמלענ דאָס אינ שטאנדהאפֿטיקנ קאמפֿס-מוט, אינ מעסירעסנעפֿעש. מיט שטאָלענער רו אונ אויסגעהאלטנקײַט טוט איצט יעדער זײַנ זאכ, אפֿ דעמ פֿאָסטנ, אפֿ וועלכנ ער איז געשטעלט: ווער אפֿנ שלאכטפֿעלד אונ ווער בא דער טאָגטעגלעכער ארבעט צו באדינענ אונ אויסצושטאטנ אונדזערע ברידער, אונדזערע זינ אונ טעכטער אפֿ די שלאכטפֿעלדער. יעדער איז מעכויעוו

נאָך העכער אופצוהייבן דעם קעמפערישן מוט און די באגייסטערונג, וואָס האָט ארומגעכאפט אלע מענטשן אין אונדזער לאנד — פאר דער מילכאָמע קעגן דעם פייַנט פון דער מענטשהייַט.

ניטאָ קיין שענערע זאך, ווי צו קעמפן פאר אונדזער פאָטערלאנד!

ניטאָ קיין מער טייַערע זאך אפ אוועקצוגעבן דערפאר דאָס לייַב און לעבן!

וועגן אזא קאמף האָבן געטרוימט די שענסטע העלדן פון אלע צייַטן.

אין אונדזער לאנד וואקסן איבער א טאָג, איבער א שאָ עמעסדיקע גרויסע העלדן.

ווייַל דאָס איז א קאמף קעגן אלדאָס בייז, וואָס האָט זיך אָנגעזאמלט און פארקערפערט אין די פאשיסטישע כייַעס.

ווייַל דאָס איז א קאמף פאר אונדזער אלעמענס גליק, פארן גליק פון אונדזערע זין און טעכטער.

ווייַל דאָס איז א קאמף פאר אונדזער הייליק פאָטערלאנד און פאר דער גאנצער מענטשהייַט.

מיט סטאלינס נאָמען גייען מיר אין דעם קאמף. און מיר וועלן זיגן, ווייַל אונדזער זאך איז א גערעכטע. ווייַל אפ צו באשיצן די סאָוועטישע ערד זייַנען ארויס די בעסטע זין פון אונדזער גרויסן מעכטיקן לאנד. ווייַל אפ צו קעמפן און באשיצן אונדזער לאנד זייַנען פאראן די מעכטיקסטע מיליטערישע מיטלען, ווייַל מיט אונדזער קאמף פירט אָן דער כאוועր סטאלין!

אייך ווילן, אייך שטרעבן באהערשט אונדזו איינגאנצן — קאמף און ארבעט צוליבן זיג. יעדער רופט ארויס אין זיך דעם פארביסענעם מוט און ענערגיע, וואָס איז פארבאָרגן אין יעדן מענטשן און קומט ארויס אפ דער שייַן, ווען ער איז מוירעדיק אופגעבראכט פון א שענדלעכן אומרעכט, ווען ער וויל באשיצן דאָס טייַערסטע און העכסטע, וואָס איז פאראן אינעם לעבן.

דער סוינע האָט זיך באמיט איינצורעדן דער וועלט, אז אים איז נישט צו באזיגן. דאָס איז א ליגן, ווי אלץ, וואָס ער זאָגט. דאָס איז א כיטרער, שענדלעכער ליגן. דאָרט, ווו דער סוינע האָט געהאט זייַנע פרייַנט, דאָרט איז ער געווען שטארק. שוואכער מוט, ניט-דיסציפּליניִרטקייַט, אָפּגעלאָזנקייַט — דאָס זייַנען אויך דעם סוינעס פרייַנט. אינעם סאָוועטישן לאנד באגעגנט זיך דער פאשיסטישער הונט מיט אזא קעגנער, וואָס אזא האָט ער ביז איצט ניט געהאט. דאָ וועלן די באנדיטן ברעכן דעם קאָפּ. דאָ, אין אונדזער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועט ער קריגן די ענדגילטיקע מאפּאָלע און אויסגעראָטן ווערן פון דער וועלט!

פערעצ מארקיש

צוריק אינ הייל ארײַנ!

אונ ווי דו זאָלסט די האק איבער די אקסל ניט פארהויבנ,
אונ ווי דו זאָלסט ניט אויסשפרייטנ דאָס פײַער אונ דעמ רויכ
אפ ווילדער פײַערונג פונ מאָרדנ אונ פונ רויבנ, —
שטײַגסטו די מאלפּע דאָכ ניט איבער אינ דער הויכ,
אונ ניט דעמ וואָרעמ — אינ באגערנ,
אונ ניט דעמ כאזער — אינ געוואג!
— איז וואָס זשע האָסטו נאָכ צו טאָנ אונטער די הויכע שטערנ
מיט דײַנ פארבלוטיקטער געקרויגטער האק?

— צוריק אינ הייל ארײַנ! — דורכ כורבנדיקע הויפּטשטעט!
— צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אינ פּלעט —
פארנעמ זיכ, קאניבאל, מיט האקנקרייצ אונ רויב-שטיינ,
אונ אלצ, וואָס דו באגעגנסט אפנ וועג, — צעטרעט!
עס וואַרפט די צײַט פונ דער געשיכטע דיכ אראָפּ
אנ אָפּגעלעצעוועטנ אפ דער אקס זיכ,
באזעצ זיכ ווידער אינ א הייל, מיט הערנער ווער באוואקסנ,
דיר וועט זיכ נאָכקויקלענ מײַנ ברודערס אלטער קאָפּ,
וואָס דו האָסט אָפּגעהאקט פונ זײַנע אקסל...

אויב זענ דו קאָנסט — איז קוק א ווײַל צו אימ זיכ צו נאָר,
דערקאָנענ וועסט אינ אימ דעמ שטאמ,
וואָס האָט דער ערשטער דיכ געלערנט זיכ ניט בוקנ צו דעמ דונער
אונ אָפּפערונג ניט אופברענגענ צומ פלאמ;
אויב אומקערנ דו קאָנסט זיכ אפ א רעגע צומ פארשטאנד,
אונ ס'קאָנענ דײַנע אויגנ כאָטש א רעגע דיר געטרײַ זײַנ,
וועסטו אינ אימ דערמאָנענ זיכ דעמ שטאמ,
וואָס האָט די קייט פונ דײַנע הענט געלערנט דיכ צערײַסנ,

ווען איבער דײַנע מוסקולן געוועלטיקט האָט די שרעק,
ווען ניט געקאָנט האָסטו די הענט דײַנע פאַרשטײן נאָך,
און מיט דײַן זײַן האָט אין דער פינצטערניש באַוועגט
די בלינדע קראַפט פון שטעקנס און פון שטײנער...

נאָר ס'איז דײַן בליק אַזוי, ווי פון דער הײל וואָלסט קײנמאָל ניט אַוועק,
נאָר טיפער נאָך אין איר געניִדערט,
אַף וויפל ס'האָט דאָרט פינצטערניש געקלעקט,
אַף וויפל האָסט אין שרעק פאַר איר געקניט דאָרט,
ווי דאַן, ווען דײַן באַרוף — זיך אָנצופרעסן זאַט
מיט שוואַכערערס פון זיך אַף העפקערע געיעגן,
האָסטו דײַן מוט באַוויליקט און באַשטאַט
דורך שאַרף פון צײן און מאָס פון נעגל!

אויב שענקען וועט דיר נאָך דער טאָג אַ טראָפּן שײַן,
אויב ס'וועלן זיך אַף דיר ניט אָנוואַרפן די שטײנער,
איז אין פאַרקילטע אויגן זײַנע קוק זיך אײַן,
פאַרבלײַב מיט אים דאָרט אײן-אַלײן נאָר
און לײען אויס אין זײ אָן ראַש,
און פאַרגעדענק, און אין דײַן פינצטערער געדעכעניש פאַרטײַע:
— פון פײַער איז געבליבן אַש,
און דער געדאַנק האָט זיך געהאַרטעוועט אין פײַער!
קוק אײַן זיך אין זײַן קאַלטן בליק, ווי אין דער טיף פון צײַטן,
און פון דער ווײַטסטער ווײַט דערהער:
— זי דרײט זיך דאָך, די ערד,
אין טרוים אין ליכטיקן געלײַטערט,
און ניט די שפּיז, און ניט די שווערד,
און ניט די האַק, און ניט דער שײַטער
האָט אים זײַן אופגאַנג צווישן שטערן ניט געשטערט!

איז קוק זיך אײַן אין אים און זאָל דיר זײַן באַוווסט:
מ'האָט אים געקעפּט. ער האָט אין שײַטערהויפנס אויך געברענט שוין,
ער איז אַ ייִד. ער איז אַ דײַטש. ער איז אַ שפּאַניער און אַ רוס
און — שטאַרבט ניט. נײן! ער גיט דאָס לעבן אַף דער מענטשהײַט,
דער פרײַהײַט און דעם פרילינג און דעם גרינס,
און בלײַבט אין זײ אומשטערבלעך אײביק.

און דו? דו האָסט דאָך פריִער פאַר אַלץ געבענטשט איין זייַן מינץ,
די טאַשן פריִער פאַר אַלץ אים אויסגעטרייבערט!

נעם אויך זייַן קינד מיט זיך, וואָס האָסט מיט דייַנע הענט דערמאָרדעט,
ס'איז שוין פון אַלץ באַפרייַט,
און ס'איז שוין זייער ווייַט...
איז קוק אַף דעם, ווי לאַנג די אויגן זיך באַוועגן,
דו וועסט קיין מענטש דערנאָך אַ לאַנגע צייַט
ניט זען אַף דייַנע וועגן...
איז קוק און זיך געזעגן!
דאָס וויגעלע זיך וויגט אַ ליידיקס, אויסגעבעט מיט היי,
אַן איינזאַם בוך האָט שטיל געפונען זיך אַן אָרט דאָרט,
און ס'וויגן צוג-ווינטן דאָס וויגל מיט געוויין...
ס'איז מיר אַ שאַנד און ס'טוט מיר וויי —
איז וואָס? דו רוק נאָך אין דער פינצטערניש אַרייַן דייַן טעמפּע מאָרדע,
צעלאַך זיך, קאַניבאַל, און — גיי
צוריק דייַן לעצטן וועג — אַ בלוטיקער, פאַרשטויבטער,
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש — אין פלעט —
צוריק אין הייל אַרייַן מיט האַקנקרייץ און רויב־שטיין,
דעם לעצטן טאָג דייַנעם פאַרשיקער און צעטרעט!

ס'באַגלייט דיך מאָרד, און רויב, און סרייפע,
און אָנגעוויינטע פעסט פון גאַנץ לאַנד;
די ווייַטן — אָנגעטאָן אין אומעט — זיך צעלויפן,
און וועגן וואַרגן זיך אין טרויער און אין שאַנד.
האָסטו זיך דען געווינטשט אַ בעסערן פאַראַד?
געטרוימט האָסט אַ באַגלייט אַ רייַכערן דען האָבן?

דייַן ברוינער גיפט איז אָנגעזויפט און זאַט,
עס עקלט נאָר זיך צו דייַן ברוינעם גיר דערגראָבן;
וואַרשייַנלעך איז עס — נאָבל בלוט פון העכסטן גראַד,
וואָס אויך באַשענקט מיט דעם זייַנען בעסאַלמענדיקע ראָבן...
נאָר קיינער האָט אַף דעם זיך ניט פאַרטראַכט,
ווי אַף דעם נאָבל בלוט פונעם שאַקאַל און פון זייַן גירן,
וואָס יאָגט אים מיט געוווי' אַרויס איבער דער נאַכט
זיך אָנפרעסן צו זעט מיט פּאַדלע און פעגירע;
עס קערט זיך בלויז אין עקל אַף די ערד

און ס׳קאָנען עס געוויקסן ניט באַגרײַפֿן,
וואָס די נאַטור האָט מיט איר קלוג געזעץ און רעכט
פֿון אומבײַט שטענדיקן און פֿליענדיקן רײַפֿן
דיך ניט פֿאַרניכטעט און פֿאַרוועט!

ס׳וועט עפּשער אַ דרעסירער, היטנדיק אַ הויכע צאַם,
אין אומרו נאָכקלערן פֿאַרוווּנדערט
וועגן צווייפֿיסיקן היבריד פֿון כײַע און פֿון כאַם,
וואָס האָט זיך אויפֿגעבײַלט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט;
ער וועט פֿאַרכידעשט זײַן און קלערנדיק אַרומגיין:
— פֿון וועלכע צײַטן האָט מען דיך געבראַכט,
פֿון וועלכן וואַלד, פֿון וועלכע דזשונגלען,
פֿון וועלכער פֿינצטערניש, פֿון וועלכער נאַכט?
און ניט פֿאַטופּען וועט זיך עס אין קאָפּ אים,
די אויגן ווענדן וועט ער ניט פֿאַרשטיין ווהין! —
ווען, ווי מיט שטיינער, וועט עס אים דעם מויעך צעקלאַפּן,
און אויסברעכן נאָך וועט אים, ווי די גאַל, איראָפּע.

און אַז מיט שײַטערס ביסטו דורכגעגאַנגען בערלין,
ווי אַ פֿולקעפּעדיקע מאַלפּע,
וואָס האָט צום ערשטן מאָל דערזען דעם מענטש,
אין מי באַזינט, אין פֿרידלעכקײַט געשטאַלטיקט,
און אים באַגרײַפֿן ניט געקענט,
און אים באַפֿאַלן און — פֿאַרגוואַלדיקט!
נו יאָ, ווי האָסטו אַנדערש דען געקאָנט באַגיין זיך,
ווען ס׳איז נאָך העלדנטאַט דיר אויסגעגאַנגען דאָס כײַעס;
נו יאָ! ס׳איז קלאָר, אַז צווישן מענטשן איז דיר אומרויִק און איינזאַם,
און גוט און היימלעך — צווישן כײַעס!..

דערציילן, דערציילן אים, דעם דרעסירער, קאַניבאַל,
אַז אַף דײַן ברוינער פֿעל, אַף דײַנע רויבערישע נעגל
האָט זיך די צײַט אָוועקגעזעצט מיט גוואַלד
און קעגן דײַן פֿאַרלאַנג גענומען דיך באַוועגן, —
דערציילן, דערציילן וועגן דײַן גרויסן צער,
אַז גלאַט אַזוי, אַז אַף בייזוווּנדער
האָט אַפֿן האַלדז די צײַט דיר אָנגעטאָן אַ קאַלענדאַר
פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,

און דו האָסט אָפּקומען באַדאַרפֿט —
זיך פֿאַר אַ מענטש פֿאַרשטעלן ביזן גרונט דאָרט.
איז עס פֿאַר דיר געווען צו טראָגן אַזאַ אָל דען?
צי דען איז פֿאַר דײַן קוי״ך געווען צו טראָגן אַזאַ מוז?
איז האָסטו איך —
דער צײַט —
אַ קריג געמאָלדן
מיט אַלץ, וואָס האָסט פֿאַרמאָגט אין דײַן רעשוס,
מיט אַלץ, וואָס רײַף געווען איז דײַן באַגריף איז;
די לײַז האָסטו פֿאַרגיפֿטעוועט מיט פּעסט,
די שטשורעס אָנגעשטעקט מיט טיפֿוס
און האָסט זיי גרייט געמאַכט און פֿעסט, —
אַז אָנגרײַפֿן מיט זיי אין קאָן
זאָלסט קאָנען ווי געהעריק!

נו וואָס? ס׳האָט יעדער זיך באַוואָפֿנט, ווי ער קאָן,
ס׳האָט ווער — מיט לײַז, און ווער — מיט שטערן!

ער ווייסט עס, דער דרעסירער, פֿון לאַנגאָנען,
אַז אין דײַן מויעך ווירבלט זיך די רייִנבלוטיקע לויז,
וואָס דאַרף ד׳ר זײַן די שטיצע און דער אָנלען,
אַז אופֿטרעטן זאָלסט קאָנען אין דײַן גאַנצער גרויס, —
איז דו דערצייל אים, קאַניבאַל,
ווי דו באַפֿרײַט האָסט פֿון דער שווערער לאַסט זיך,
ווי ס׳האָט אין דיר דער אוראַלט אופֿגעלויכטן באַלד,
ווען האָסט דײַן גאַנצע פֿינצטערניש צעכראַסטעט
און אָפּגעלאָזט זיך בושעווען, ווי אַ טײַפֿון,
פֿאַר שאַרבנס און פֿאַר שווערד צעבראָכענע אין שלאַכטן,
און ניט געוווּסט אַליין נאָך וואָס צו טון
מיט די געבליטן מיט די כווישעכדיק-צעשפּאַרטע;
און פֿײַערלעך האָסטו צוערשט באַפּע׳ט
צו דײַנע דינער די געטרײַסטע,
ס׳זאָל באַ דעם אָפּגלאַנץ פֿון דײַן ברוינער פֿעל
אַ הוליע טאָן דאָס פֿײַער אָפֿן רײַכסטאַג!
דערנאָכדעם — אַלץ, וואָס ברענען האָט געקאָנט, —
און יעדערער — וואָס איז אַ קאָפּ באַזעסן,
און פֿרײַ און פֿריילעך האָט איר זיך געטאָן, —

דײַנע מאָלכעסדיקע האַק און דײַן יעָרושעדיקער מעסער, —
און אומברענגענע האָסטו געלאָזט זיך שטעט,
און אומברענגענע געלאָזט האָסטו זיך לענדער,
זיך צוגעײַלט, אַז ס'זאָל ניט זײַן צו שפּעט,
אַז זאָלסט באַצײַטנס האָבן אַלץ פאַרענדיקט!

אַצינד, דורך שווינדלדיקן ראַש פון מאָרד און פון צעשטערונג,
באַזויפן שפּאַנסטו, קאַניבאַל, פון קריג צו קריג.
די צײַט אַנטלויפט פון דיר דורך וועגווײַזער פון שטערן
און שטויסט דיך אָפּ צוריק;
— איז גיי
דײַן לעצטן וועג דורך כורבנדיקע הויפּטשטעט
צוריק צו אורטימלעכער פינצטערניש מיט רויב באַשטאָפּט;
— איז גיי
און טוליע, טוליע צו דײַן בלוט-פאַרפלעקטער האַק זיך,
באַזעץ זיך ווידער אין אַ הייל,
מיט דערנער ווער באַוואַקסן
און גיב דער פינצטערניש זיך אָפּ —
עס וואַרפט די צײַט פון דער געשיכטע דיך אַראָפּ!

צו אונדזער ראַנד זיך צוגערירט דײַן עקלהאַפטער שאָטן,
פאַרשמעקט האָט אים דאָס גאָלד פון אונדזער בליענדיקן ווייץ;
דאָ איז דײַן גרוב אָפּ יערן שפּאַן, וואָס האָסט באַטראָטן,
דאָ איז די שווערד — דײַן קיין ווערדיקער לעצטער קרייץ!

די שוועע פון דער שווערד!

פון די אַקסל צעפּאָכעט זיך פליגל,
אין דעם טראָט — דײַן אורטייל זיך הערט:
— נאָך ווי קײנמאָל וועט גרויס זײַן דאָס זיגן,
ווײַל ווי קײנמאָל איז שאַרף אונדזער שווערד.

טרינק זיך, שפּאַרבער, אין בלוט א פארדרייטער,
ניט קיין וועג האָסט — פּאָרויס, ניט — צוריק;
ס'האָבן בערג שוין די רייען געצווייט דאָ
אין דעם פּאָטערלאַנדס הייליקן קריג!

אַף דײַן אומקום הענער שוין קרייען,
ס'גיט א שוועע — א שווערד צו א שווערד;
— ווער ס'איז שטורעם ארויסגאַנג פארזייען,
דער פארשניטן וועט ווערן פון דר'ערד!

ס'גייען פעלדזן מיט בליצן געפּאַסיקט,
ס'רופט זיך איבער א יאַם מיט א יאַם —
— אויב די שלאַנג בעט א דאָרשטיקע וואַסער,
איז באַטרינק זי מיט פײַער און פלאַם!

מיט דעם גרויזאַמען אופּרײַס פון לאַווע,
מיט דעם בליציקן בלאַנק פון שטאָל, —
אַפן רוף פון פארפּײַניקטע סלאַוון,
וואָס צום הימל דערגרייכט זייער קאָל!

מיטן שטויב דײַנע אָרדעס צעזייען,
אַז דײַן נאָמען — א קלאָלע זײַן זאָל!
פאַר די אָפּשטאַמען פון אָדיסייען,
פאַר דעם בראָך פונעם פּוילישן פאָלק!

אף די אקסל צעפּאָכען זיך פליגל,
אין דעם טראָט — דיינע אורטייל זיך הערט:
פאר די קוואָרים פון שפּאנישע קריגער,
פאר געשענדעטע יידן אף דר'ערד!

ביזן האלדז אין בלוט איינגעריכטער
טרינק זיך, שפּארבער, מיט שאנד און מיט סאַם —
ס'גייען אוף איצט אין רום דיינע ריכטער
אין דער לופט, אף דער ערד, אפן יאַם!

אז צעשמעטערט זאָלסט ווערן אינדרייען
און צעטראָטן, פארניכטעט און וויסט, —
פאר באטרעטן דאָס היימלאנד דאָס פרייע
מיט די בלוטיקע, בלאָטיקע פיס.

אוי, צעפלאטערט איר, פּאָנען, זיך העלער,
גאָר דעם הימל שפרייט אויס מיט באגין:
אף דעם קריג פון די פרידלעכע שוועלן
אלטע מאמעס באגלייטן די זין!

מיט א בראָכע, א ליד מיט א ניגן,
און מיט א טיף פארבאהאלטענער טרער;
— נאָך ווי קיינמאָל זאָל גרויס זיין דאָס זיגן,
און ווי קיינמאָל זאָל שארף זיין די שווערד!

אף רויִנען — פארגוואלטיקטע ברידער
און געקרייצט אף דער אייגענער שוועל;
מיט געזאנג מירן אופהייבן ווידער
דעם פארבראָכענעם קאָפּ פון דער וועלט!

יעדער טאַנק וועט אַ קייווער זיי ווערן!

ס׳געבלעטער פון וואַלד איז ווי כאַקי,
קאַלאָנעס פון קריגער — ווי וואַלד;
קיין שטורעם ניט דורך וועט מיט פלאַקער,
ניט דורכרייסן וועט זיך קיין זאַלפּ!

זיי ניט דורכלאָזן — וועגן זיך שווערן,
ניט אַריין, ניט אַרויס אַפּ צוריק;
יעדער טאַנק וועט אַ קייווער זיי ווערן,
און אַ קרייץ — די צעבראָכענע ביקס!

ס׳צעבליט זיך אַפּ פעלדער דער האָבער,
אַפּ ווייטן הירזשען די פערד —
יעדער טראָט וועט אַ גרוב זיי צעגראָבן
בא דעם ראַנד פונעם פּאָטערלאַנדס ערד.

דער שאָרך פונעם ווינט איז אַן אָנזאָג,
דער טראָט פון די קריגער באַשליסט —
ס׳וועט קיין איינציקע קויל ניט פאַרבלאָנדזשען,
וואָס געצילט איז אין האַרץ פון פאַשיסט!

אין פעלד גיסן אָן זיך די זאַנגען,
ס׳באַטרינקט זיי פרימאָרגיקער טוי, —
ס׳וועט די האַנט זיי פון פיינט ניט דערלאַנגען,
דער צוריר צו זיי — איז טויט!

דער טייכן־גערויש, ווי אַ האָרן,
און דער שטראָם פון די קריגער באַשווערט:
קיין פיס וועט ניט טרעטן דאָס קאָרן
פונעם פּאָטערלאַנדס הייליקער ערד!

ס׳בלאנקט די שווערד פארן לאנד מיט שטראלן
און געפאנצערט — דעם פאָטערלאַנדס ערד,
ווײַל דער ערשטער ארמייער איז סטאַלין,
ווײַל אין שלאכטן דער ערשטער — איז ער!

זײַן געווער — איז די זון און די פרײַהײַט,
און זײַן פאָן — איז דאָס גליק פונעם פאָלק;
זײַן ליד איז די שוווע פון טרײַהײַט,
זײַן טראָט איז אין שלאכטן געשטאָלט.

דאָס פינקלען פון שטערן איז זויבער,
און ווי שטערן — ז׳פון קריגער דער גאנג, —
ס׳וועט אין פײַער דער פײַנט זיך צעשטויבן,
און אין אש אף אים ווארט דער פארגאנג.

ס׳קוקן פעלקער פארטײַעט מיט בענטשונג
אף דער פרײַער סאָוועטישער שווערד, —
ווײַל אין איר איז דער גורל פון מענטשהײַט,
ווײַל אין איר איז דער גורל פון וועלט!

ב. אָליעווסקי

איך וואַרט דעם טאָג...

...און אַז אין היטלער-לאַנד און אַז אין שקלאַפֿן-לאַנד
מײַן פֿאָלק צעטראָטן ווערט און איז דערפֿירט צום ראַנד,
איז דאָך שוין קלאָר, פֿאַרוואָס סע ווילט אַזוי זיך אָפּצאָלן,
אַז טעמפּ זאָל ווערן מיר דערנאָך דער מעסער אין דער האַנט
און רויט די שווערד.

און אַז אין דײַטשן-לאַנד איז נאָך אַ היטלער דאָ,
וואָס טראָגט זיך איבער וועלט נאָך שוואַרצער פֿון אַ קראָ,
איז דאָך שוין קלאָר, פֿאַרוואָס איך קאָן ניט אײַנרוען
און כ'קאָן ניט האָבן שוין קיין כײַע-שאָ,
קיין שטילע רגע ניט.

און אַז מעשוגע אַזש דער דוטשע שרײַט פֿון ווים
מיט מאָרדע היגטישער, וואָס איז באַדעקט מיט שוים,
איז דאָך שוין קלאָר, פֿאַרוואָס איך בענק,
איך וויל אים זעען שוין געהאַנגען אויף אַ בוים
און קראָען זאָלן פֿרעסן אים.

און אַז אַ לומפּן צען — די קראַגנס אויסגעפּרעסט —
געשמיסן האָבן זיי מײַן כאַווערטע אין בוקאַרעשט,
איז דאָך שוין קלאָר, פֿאַרוואָס דאָס מיידל יידישע
מײַן גרויסער ווייטעק איז, וואָס ווי אַ וואָרעם פֿרעסט
און לאָזט ניט רוען מיך.

און אַז פֿון לענדער פֿון געפּענטעטע דערטראָגט זיך דער געהויל,
און אַז אַ האַלבע וועלט איז אָנגעפֿילט מיט גרויל,
איז דאָך שוין קלאָר, פֿאַרוואָס ניט פֿון אַ האַרצפֿעלער,
נאָר שטאַרבן כ'וועל אין שלאַכטפֿעלד, פֿון אַ קויל
אַ קליינינקער, פֿון בלײַ.

און כ'וועל מײַן לעבן דורך מיט פֿײַערדיקן גלויבן,
אַז ס'וועט די אויסלייזונג די גרויסע גאָר די וועלט דערהויבן,
און ס'איז שוין קלאָר, פֿאַרוואָס צו סטאַלינען
מיט פֿרייד און גליק איך הייב הײַנט מײַנע אויגן
און וואַרט דעם טאָג...

עזראָ פינינבערג

דעם פײַנט צעשמעטערן!

1

ער זאָל ניט קומען מיט דער האַק דער בלוטיקער
אין שיינע שטעט אַרײַן —
צעברעכן אים! צעמיימעסן!
צעשמעטערן!

ער זאָל קיין בייז, קיין שאָדן
אין די העלע לענדער טאָן,
ער זאָל ניט טאנצן
אף געשאָכטענע און אף געשענדעטע,

ער זאָל קיין שפאן
אין קאנטן ליכטיקע, אין קאנטן ווילע טאָן,
ער זאָל ניט אופשטעלן קיין בערג
פון קינדער פון געקוילעטע, —

מיט פאָלק מיט ריזיקן, מיט פויסט מיט שטאָלענער
דעם וועג פארסטאָמפען אים!
אין פרעכן הארץ זײַנעם אין כײַישן —
א גוטע באָמבע אים!

און ווער וועט איצט געבויגן זײַן?
און ווער וועט איצטער טרויערן?
דער סוינע בא די טויערן!

ס'זאָל קיין געפאר קיין פינצטערע
אף טאָג און נאכט ניט לויערן —
עס גייט דאָס פאָלק

אין לעצטן קריג אין אומגעהויערן,
עס גייט אין שלאכט
דאָס מעכטיק פאָלק פון ארבעטער און פּויערים,
אין שלאכט עס גייט מיט יונג און אלט,
מיט קינד און פרוי אריַין, —
דער סוינע בא די טויערן!

און יעדע צוגעגרייטע קויל
זאָל טרעפן אין זיַין שווארץ אריַין!
און יעדע צוגעגרייטע קויל
זאָל טרעפן אים אין הארץ אריַין!

און שאָמרים אונדזערע אין הייך
אים זאָלן שטיַיף פארקלאמערן!
און אונדזער האמער אף דער ערד
זאָל אים אף שטויב צעהאמערן!

גיי פעסט אדורך דיַין גרויסן וועג,
מיַין רויטארמיי מיַין טיַיערע!
גיי שטאָלץ אדורך דיַין גרויסן וועג,
מיַין שיינע וועלט-באפריַיערן!

מיט פאָנען מיט צעפיַיערטע
באזיג אים, טריַיע דעטערן!
אף יאמען און אף טריקעניש,
דורך אלע בייזע וועטערן —
צעברעכן אים! צענעריקן!
צעמיימעסן! צעשמעטערן!

2

כ'רייד אזוי מיטן לאנד אינעם וואך זיַין פון נעכט:
„איצטער גיי'ן מיר ארויס אף א גרויסן געפעכט.
אונדזער פאָן איז גערעכט! אונדזער הארץ איז גערעכט!

ווו עס איז נאָר פאראנען א ליכטיקער העלד,
א גיבער א ריינער, א מ ע נ ט ש אף דער וועלט —
ער קומט און אין אונדזערע רייען זיך שטעלט.

איבער שטאָט, איבער דאָרפ, איבער בארג, איבער טאָל
קומט א כאַיל איצט אופ אָנ א ברעג, אָנ א צאָל,
קומט א כאַיל איצט אופ, וואָס איז ריינ ווי קרישטאָל,

אונ עס נעמט אונדזער מעכטיקע שטאָלענע שווערד,
אונ פונ נידער ביז הימל א שטימ זיך דערהערט:
„עס איז הייליק דאָס לאנד! עס איז הייליק די ערד!"—

כ'רייד אזוי מיטנ לאנד אינ די פלאמענ פונ קריג:
„דארפ איך ווערנ אינ פײַער אינ גרעסטנ געשיקט
פאר דײַנ ערד, פאר דײַנ הייך, פאר דײַנ זונ, פאר דײַנ גליק —

בינ איך שוינ, בינ איך שוינ, בינ איך טייקעפ שוינ גרייט.
איך וועל גייִנ מיט געזאנג, איך וועל פאָלגנ מיט פרייד, —
זאָל זיך שפּרייטנ דאָס ליכט אפ דײַנ טײַערער ברייט!

אונדזער כאַיל וואקסט אופ, נאָך אונ נאָך קומענ אָנ.
אונ מײַנ הארצ איז אינ קאָנ, אונ די וועלט איז אינ קאָנ.
זיגנ וועט אונדזער פאָנ, — ס'איז גערעכט אונדזער פאָנ!"

3

זײַנענ געקומענ דרײַ דיכטער צו גייענ —
צוויי קאָמאנדירנ, איינ רויטארמייער —
מיט מיר אינ מײַנ שטוב זיך געזעגענענ
פארנ זיך לאָזנ אינ וועג ארײַנ.

געווענ איז עס זומער, זומער פארנאכט,
אונ ס'האָט אינ דער לופט שוינ געעטעמט מיט שלאכט,
מיט פליִענ אינ פלאמיקע טעג ארײַנ.
— לאָמיר זיך, כאווער, געזעגענענ! —

געווענ איז דאָס אָוונט-ברויט כאוועריש-פּראָסט.
מיר האָבנ אינפירנ געהויבנ א טאָסט,
איינ פײַעודיק וואָרט בא איטלעכנ:
— שלאָגנ, דערשלאָגנ היטלערנ!

עס גייט שוין, עס קומט שוין, אָט איז די מינוט,
ווען לוין וועט ער קריגן פאר יאָמען מיט בלוט, —
פאר ברידער, וואָס ער האָט צעמאָלט דאָרטן,
וועט קייפל-קיפּלאים באצאָלט ווערן! —

געקוקט האָט אין פענצטער א זומער-פארנאכט.
לעם טיש האָט די ביקס, דער רעוואָלווער געוואכט.
דעם לאַנד, וואָס צו גליק האָט געבוירן אונדז,
זינגן — מיר האָבן געשוווירן זיך.

און מונטער און שטאָלץ איז געווען דער געמיט,
און יעדער פון אונדז האָט געלייענט א ליד:
— „צו פריילעכע פרילינגן-זומערן
מיט גרויסן ניצאָכן זיך אומקערן!" —

און כ'האָב זיי באנאכט באגלייט צו דער טיר.
האָט געזאָגט רויטארמייער, געזאָגט קאָמאנדיר:
— ווויהין ס'זאָל דער קריג ניט פארשלעפּן אונדז,
אין פריד און אין פרייד לאָמיר טרעפן זיך! —

און הייס זיך צעקושט און די הענט זיך געדריקט.
געוואכט האָט רעוואָלווער, געוואכט האָט די ביקס.
— אַף וועגן-געשלעגן אַף גליקלעכע!
שלאָגן, דערשלאָגן היטלערן! —

אין טיפן פון נעכט כ'הער זיך איַין און דערהער,
ווי זיי יאָגן אַף פערד, ווי זיי האַקן מיט שווערד.
צו דעם ריזיקן פעלד, ווו זיי שלאָגן זיך,
כ'וועל יאָגן, כ'וועל יאָגן, דעריאָגן זיי,

און זיַין כ'וועל מיט זיי אין די הייליקע טעג,
און זיַין כ'וועל מיט זיי אינעם רויש פון געשלעג,
אינעם הילך פון די שטארקסטע געוויטערן:
— שלאָגן, דערשלאָגן היטלערן! —

ל. קוויטקאָ

פײַער אפּ די סאָנים!

פײַער אפּ די סאָנים, פײַער!
ווײַל דאָס לעבן איז אונדז טײַער,
ווײַל צו לעבן איז אונדז גוט.
ווײַל סע קריכט דער מיִעסער סוינע
אויסצאַפּן פון אונדז דאָס בלוט,
שענדן אַלץ, וואָס אונדז איז טײַער, —
פײַער, פײַער, פײַער, פײַער!

פײַער אפּ די סאָנים, פײַער,
ווײַל דאָס היימלאַנד איז אונדז טײַער,
היימלאַנד, מאַמעס, קינדער, אַלץ, —
ווײַל ס׳פאַרמעסט זיך דער מענוּוול
איבערבײַסן אונדז דעם האַלדז,
רויבן אַלץ, וואָס אונדז איז טײַער.
פײַער, פײַער, פײַער, פײַער!

פײַער אפּ די סאָנים, פײַער!
לײַב און לעבן אונדזער טײַערס
שטעלן מיר פאַר אונדזער היים!
אונדזער ערד וועט ניט פאַרלײַדן
קיין שום קרעץ אפּ איר געביין!
פײַער אפּ די סאָנים, פײַער!
פײַער, פײַער, פײַער, פײַער!

וויִנטשעוואַביעס

זיך אָנגעזויפּט מיט פרעמדן בלוט לעראָוו,
נאָר קאַרג איז אים, נאָך קריכט ער טייטן, צינדן, —
איז זאָל איצט זײַן דער אָנהייב פון זײַן סאָף —
מיר הייבן אָן, מיר זײַנען גרייט אים שינדן!

שינד דעם היצל,
דרויבל אים,
ערלעך אים בארעכן! —
די גאַנצע וועלט דערהערן זאָל,
ווי זײַנע ביינער ברעכן!

דער היישעריק, — ער עסט נאָר אויף דאָס ברויט,
צו שווערער קרענק — פיל טרופּעס קען מען טוען, —
און ער פרעסט אויף די ביינער מיט דער הויט!
ער איז די קרענק, וואָס האָט נאָר איין רעפּוע!

שינד דעם היצל,
דרויבל אים,
טרײַב די פּעסט די שווארצע!
דער שיינער וועלט זאָל גיכער שוין
אראָפּ דער שטיין פון הארצן!

אפילע וועגט האָבן זיך שוין אויסגעבענקט
נאָך אופרופן: „מיט פולער האַנט זיי צו באַצאָלן".
מיר זײַנען זיי מעכאַבעד מיט א שיין געשענק: —
א שלאַקסרעגן פון פײַער און פון שטאָלן!

שינד דעם היצל,
דרויבל אים,

טיל און טעל צעשטויבן!
די וועלט — פאר פרייד זאָל דונערן,
דער הימל — זאָל זיך הויבן!

איר, פעלקער אויסגעמארכעוועטע, הערט!
דעם קאָפּ הייבט אוף. כאַפּט אָפּ דעם אָטעם! —
ס'האָט אופגעהויבן זיך קעגן אים די פרייַסטע ערד
מיט פעלקער מעכטיקע, מיט אופגעריכטע שוואָטים!

שינד דעם היצל,
דרויבל אים,
טויט די רויב-כאוורייַע, —
סע גרייט די וועלט זיך פּראַוועך אים
א פריילעכע לעווייַע!

ש. האלקינ

די הייליקסטע פליכט

פונ פליכטנ פונ אלע — די הייליקסטע פליכט:
שטיי אופ און דער ערשטער דעם סוינע פארניכט!

דעם סוינע, וואָס אלצ האָט געשטעלט איצט אינ קאָנ,
א קורבנ צו מאכנ פונ אלצ, וואָס ער קאָנ.

דער פײַנט, וואָס האָט פעלקער און לענדער פארי‌אָכט,
פארי‌אָכט און צעטראָטנ און טרעטנ וויל נאָכ.

דער פײַנט, וואָס האָט בליענדע קאנטנ צעשטערט,
צערויבט און צעשטויבט און פארגלײַכט מיט דער ערד.

דער פײַנט, וואָס פונ איינ לאנד צום אנדערנ לויפט
מיט קראפט פונעם בלוט נאָר, וואָס ער האָט געזויפט.

געצויגנ דעם פײַנט, ווי מיט שטריק, האָט אהער,
אז דאָ זאָל ער פאלנ, ניט אופשטיינ שוינ מער.

דאָס וואָרט דאָס פארפלוכטע — דער נאָמענ פאשיסט
אפ שטענדיק, אפ אייביק זאָל ווערנ פארוויסט.

דער העסלעכער נאָמענ — פונ גרוילנ דער קנויל
פארגעסנ זאָל ווערנ פונ מענטשלעכנ מויל.

פונ צײַטנ פונ אלע איז איצטער די צײַט,
איצט אויסגעמישט האָבנ זיכ נאָענט און ווײַט.

טויזנטער מענטשנ באגעגנט כ'האָב הײַנט,
פונ קוק פונעם ערשטנ מיר זײַנענ שוינ פרײַנט:

פארקנופט און פארבונדנ — איינ פלייש און איינ ביינ,
פונ ערשטע — די ערשטע מיר גייענ אליינ.

די זינ און די טעכטער מיר גיבנ הײַנט אָפ,
דאָס בלוט פונעם הארצנ, דאָס אויג פונעם קאָפ,

פאר פרײַהײַט, פאר שאָלעמ, פאר ליכטיקער מי,
פונ אלע מילכאָמעס די הייליקסטע — די!

אלע, אלע אפֿן פֿײַנט!

I

אויב עס וועט דיר זײַן צו שווער
זומער אין די היצן, —
זון מײַנער, דו טו א קלער,
וואָס דו גייסט באַשיצן.

אויב עס וועט דיר זײַן ניט גוט
הארבסט-צײַט אין די נעצן,
ברודער, הויך דײַן העלדנמוט
ס'פֿאָטערלאנד וועט שעצן.

אויב ס'וועט זײַן דיר לאנג די נאכט
ווינטער אין די שנייען,
פֿאָטער, שטעלן זיך אָפּ וואכ
דײַנע קינדער גייען.

אויב ס'וועט דריקן א פֿארדראָס,
ווען די וווּנד וועט נאָגן,
ליבער, טו א טראכט, פֿאר וואָס
דו האָסט זיך געשלאָגן.

אויב עס וועט ניט גרינגער זײַן,
שרעקלעכ זײַן וועט טאָמער,
ליבער מײַנער, טראכט זיך אײַן:
קיין אנדער וועג ניטאָ מער.

אלע, אלע אפֿן פֿײַנט!
דער קלאַפּ מוז זײַן אנטשיידן.
עס וועט דערנאָכ דאָס גאנצע לאנד
דערציילן אלץ אין פֿריידן!

II

מײַנ ליבער, גייסט אינ שלאכט אוועק,
איינ זאכ וועל איכ דיר זאָגנ:
אז אָניאָגנ כ׳וועל דיכ אינ וועג,
אונ עפשער איבעריאָגנ.

אונ ווײַל איכ ווייס נאָכ ניט דערווײַל,
צי גיינ וועל איכ, צי רײַטנ, —
דו קוק ארומ זיכ אפּ א מײַל
אונ זוכ מיכ פונדערווײַטנ.

אונ ווײַל איכ ווייס נאָכ ניט דערווײַל,
כ׳וועל עפשער זײַנ אינ לופטנ, —
דאנ וועל איכ מיט א גאָלד׳נער פײַל,
מײַנ ליבער, דיכ א רופּ טאָנ.

אונ כאָטש איכ ווייס נאָכ ניט ביז איצט,
די פײַל ווו איכ וועל נעמענ,
מײַנ ליבער, גיי דאָס לאנד באשיצ,
כ׳וועל אויכ דיכ ניט פארשעמענ.

אונ כאָטש איכ ווייס נאָכ ניט דערווײַל,
די פײַל ווו איכ וועל ווארפנ,
מײַנ ליבער, פאָר געזונט, איכ אײַל,
צעשיידנ זיכ מיר דארפנ.

ווי דיכ, עס רופט דאָס לאנד אויכ מיכ,
דו טו א קוק, איכ ווײנ ניט;
מײַנ ליבער, מיר צעשיידנ זיכ,
דאָכ בלײַבנ מיר פאראייניקט.

ש. ראָסין

דער מענטש

די אוראַלטע כּײַע פֿון אַלדאָס בייז
פֿאַרוויסטן די וועלט איז אַרויס,
זי שפּרײַזט איבער יאַמען,
אין לופֿטן זיך קרײַזט,
און שמעטערט מיט פֿלאַמען,
און שלײַדערט מיט גיפֿט.

בערג קערט זי איבער
און שטעט רײַסט זי אויף.
זי ווייסט שוין אַליין ניט
ווו אײַן און ווו אויס —
די אוראַלטע כּײַע פֿון אַלדאָס בייז.

יאָגט זי זיך, טראָגט זי זיך,
ווייסט ניט קיין צאַם,
שפּאַנט מיט פֿאַרניכטונג
פֿון לאַנד צו לאַנד,
און טאַנצט אַפֿן כורבן,
און באָדט זיך אין שאַנד,
און קאָן אַלץ ניט זעטן
פֿון טומע דעם פֿלאַם,
וואָס האָט אין איר פֿינצטערן אָפּגרונט צעברענט, —
קעגן דאָס מענטשלעכע,
קעגן דעם מענטש
האָט זיך איר פֿינצטערע סינע צעברענט.

אַלץ, וואָס דער מענטש
האָט דערפֿאָרשט און באַהערשט, —

דער הימל זאָל פֿרײַ זײַן,
ס׳זאָל פֿרײַ זײַן די ערד;
אַלץ, וואָס באַוועגט האָט דעם מענטשנס געדאַנק
באַצוווּנגענע זאָל ווערן
די קופּערנע שלאַנג, —
האָט איצט די כּײַע גענומענע אין צוואַנג
און האָט עס געפֿאַנגען,
און האָט עס געווענדט
קעגן דאָס מענטשלעכע,
קעגן דעם מענטש, —
פֿעלקער באַצווינגט זי
און לענדער פֿאַרלענדט...

עס טרייסלט די לופֿט זיך,
עס ציטערט די ערד:
די כּײַע האָט אויך זיך דערטראָגן אַהער,
די כּײַע האָט אויך זיך דערקײַקלט צו אונדז —
באַצווינגען די ערד און פֿאַרלעשן די זון.

ס׳האָט זיך אַ הייב געטאָן —
פֿון ראַנד און ביז ראַנד —
דאָס ריזיקע לאַנד —
איין דראַנגפֿולער מענטש
קעגן דער כּײַע פֿון טויט און פֿאַרלענד!
און ס׳וועלן אַ וואָרף טאָן זיך
טויזנטער הענט
קעגן די קריגער פֿון שוואַרצן געשפּענסט,
וואָס האָבן די ערד
און דעם הימל פֿאַרשעמט,
און זיגן וועט זיגן, —
ס׳וועט זיגן דער מענטש.

בארג־ארופ — דער וועג

כ׳הייב אופ דעם קאָפּ,
כ׳צעעפּנ ברייט די אויגנ,
ווי שווערע קוועקזילבער —
די מוסקלענ פונ די הענט, —
כ׳האָב קיינמאָל נאָכ, ווי איצט,
מײַנ סינע ניט געוויגנ,
כ׳בינ קיינמאָל אזוי וואכ,
ווי איצטער, ניט געווענ.

די ביקס צו ברוסט
איכ דריק צו פעסט אונ פעסטער,
דאָס בלוט אינ הארצ
א ווײַלע ווערט פארשטילט...
ס׳פלאצט אופ אינ לופט
אנ אויסגעשריי א לעצטער, —
כ׳האָב קיינמאָל אזוי פּינקטלעכ
אינ סוינע ניט געצילט.

בארג-ארופ — דער וועג,
אינ מאָרגנ-שײַנ אינ קלאָרער
גייט אופ דאָס לאנד פאר מיר
אינ ווײַטסטער ווײַט געווענדט, —
ס׳איז קיינמאָל אזוי רײַפ
נאָכ ניט געווענ מײַנ צאָרנ,
ס׳האָט קיינמאָל אזוי הייס
מײַנ ליבשאפט ניט געברענט.

יויסעפ קערלער

בא ליבשאפט בא מײַנער איך שווער!

געליבטע, בא ליבשאפט בא מײַנער איך שווער —
פארניכטנ דעמ פײַנט אפ דער שוועל פונ מײַנ ערד!
אויב איינזאמ וועט קומענ מײַנ פערד צו דײַנ פלויט,
ניט גלייב, אז דער סוינע האָט מיך שוינ געטויט;
אונ וועט מענ דיר ברענגענ ס'פארבלוטיקטע העמד, —
פארברעך נישט אינ ווייטעק די מיידלשע הענט;
נאָר וועט מענ דיר ווײַזנ מײַנ ביקס אונ מײַנ שווערד —
וויס, אז געפאלנ בינ איך פאר מײַנ ערד...
דאנ נעמ דאָס געווער, דײַנע אויגנ וויש אויס
אונ גיי קעגנ סוינע אינ שלאכטפעלד ארויס.
געליבטע, בא ליבשאפט בא דײַנער דו שווער —
פארניכטנ דעמ פײַנט אפ דער שוועל פונ מײַנ ערד!

עמ. קאזאקעוויטש

ווי פונ אויג דאָס שווארצאפּל

דאָס מויל פונעם פּלאפּלער
פאַרבינד און פארשטאָפּ!
דערלאָז ניט דעם סוינע
פאַרשפּרייטנ אַנ איימע!
ווי דאָס אייגענע הארצ,
ווי דאָס אויג אינעמ קאָפּ,
די מיליטערישע סוידעס היט אָפּ,
היט אָפּ
די זאוואָדנ,
די שפּײַכלערס,
די היימענ!
דאָס פּאָדערט דײַנ פאָלק, אינ דער ריזיקער שלאכט,
דאָס פּאָדערט דײַנ קינד מיט אומשולדיקע בליקנ.
באשיצ אונ באהיט,
אונ היט אָפּ אונ באוואכ
די דראָטנ,
די באנענ,
די וועגנ,
די בריקנ!
אינ טיל, אפנ פראָנט — אנ ארמייער ביסטו!
האק אָפּ די שפּיאָנישע לאפּע די טרייפע!
אונ אָרדענונג
דארפ איצטער זײַנ אומעטום, —
אינ צוג,
אינ דער גאס,
בא א שלאכט,
בא א סרייפע.
אונ העכער דעמ קאָפּ, אונ זאָל פעסט זײַנ דײַנ מוט!
זײַ רויק אונ זיכער,
ניט פּלוידער, ניט פּלאפּל.
אנ איבעריק וואָרט —
דאָס איז איבעריק בלוט, —
איז היט אָפּעט א סאָד,
ווי פונ אויג דאָס שווארצאפּל!

ש. גאָדינער

איינער אליינ אינ פעלד

...אונ אז עס איז אופגעגאנגענ דער טאָג אונ ער האָט שוינ גאָר קלאָר דערזענ, אז ער איז געבליבנ איינער אליינ אינ פעלד, האָט ער נאָכ שטײַפער זיכ צוגעדריקט צו דער טרוקענער ערד, נאָכ מער זיכ צונויפגעשרומפנ הינטערנ קוסט אונ זײַנ בליק ניט אָפגעריסנ פונעמ טאנק, וואָס איז געשטאנענ עטלעכע הונדערט טריט ווײַט פונ אימ.

אונ כאָטש ער האָט איצט געקוקט בלויז אינ דעמ איינעמ פינטל, האָט ער דאָכ געזענ אלצ ארומ זיכ: רעכטס פונעמ פײַנטלעכנ טאנק ליגט אויסגעצויגנ מיטנ פאָנעמ אראָפ וואניע אפאָנינ, לינקס — אכמעד קירייעוו.

נאָכ איידער עס איז אלצ שטיל געוואָרנ דאָ אינ קוסטארניק, ווענ דער פײַנטלעכער טאנק האָט זיכ נאָכ באוועגט אונ געשאָסנ, זײַנענ שוינ זײַנע כאווײרימ געבליבנ ליגנ אומבאוועגלעכ. ער האָט נאָכ אינ יענער רעגע אפ עפעס געהאָפט, ער האָט נאָכ ניט געגלייבט אינ זייער אומקומ, זיי זײַנענ נאָכ פאר אימ געווענ לעבעדיקע, אונ אָט וועלנ זיי זיכ אופהייבנ, אונ צוזאמענ וועלנ זיי פארענדיקנ די אָפעראציע. ענדלעכ האָט זיכ אימ געדוכט, אז ער הערט זייער'ע קרעכצנ, אונ דאָס האָט אימ דערפרייט. ער האָט זיכ אפ א ווײַלע פארלאָרנ, ניט געוווּסט צו וועמענ פריִער צו פויזענ, וועמענ פריִער געבנ גיכע הילפ.

נאָר ווענ ער האָט שוינ אָפגעפויזעט א צענ טריט הינטער די קוסטעס, האָט ער פלוצלינג דערזענ, ווי דאָס אייבערשטע דעקל פונעמ טאנק האָט זיכ אנ עפנ געטאָנ אונ א קאָפ מיט א פאָר אקסלענ פונ א פאשיסטישנ טאנקיסט האָבנ זיכ דאָרט באוויזנ. אונ איידער זיגעל האָט זיכ אָנגעצילעוועט אינעמ ארויסגערוקטנ קאָפ, האָט דער סוינע א פיר געטאָנ אפ רעכטס אונ אפ לינקס מיט דער אווטאָמאטישער ביקס, אונ זיגעל האָט דײַטלעכ געזענ די שפריצנ ערד, וואָס עס הייבנ אופ די פײַנטלעכע קוילנ, ווי זיי לייגנ זיכ, די קוילנ, זייער נאָענט צו אפאָנינענ אונ קירייעוונ, ווי זיי ליגנ אויסגעצויגנ, זײַנע כאווײרימ, מיט די פענעמער אראָפ — טויטע.

פונדעסטוועגן, איז איין רגע ארום, האָט זיגעל דאָך גוט זיך אָנ־געצילעוועט, און אפּאָנעם, אז ער האָט ניט אומזיסט געשיקט זײַנע קוילן — דער פײַנטלעכער שיסער האָט זיך א גליטש געטאָן אראָפּ, צו־ריק אין טאנק אַרײַן, זײַן ביקס איז שטום געוואָרן.

איצט איז אלץ שטיל, און ער איז איינער אליין אין פעלד, אויג־אפּ־אויג מיטן סוינעס שטומען אומבאוועגלעכן טאנק.

איצט וואָלט מען געדארפט באטראכטן וואָס ווײַטער צו טאָן.

און קימאט ווי ניט ווילנדיק, אָבער טאקע נאָר אפּ צו באטראכטן וואָס ווײַטער צו טאָן, האָט זיגעל פאר זײַנע אויגן דורכגעלאָזט די אלע געשעענישן פון דער נאָרוואָס פארשוווּנדענער נאכט.

צוויי באנאכט, דאָס הייסט מיט א שאָ פיר־פינף צוריק, האָט זיי אלע דרײַ — אים, אפּאָנינען און קירייעוון — ארויסגערופן דער לייטע־נאנט מאָסקווין, ער האָט זיי געוויזן אפּ דער קארטע, ווו עס גרופּירט זיך א פײַנטלעכער „זאסלאָן", און באפוילן זיי גיין אין אויסשפּיר.

זיי זײַנען אוועק.

עס איז געווען נאכט. א רעגנדל האָט געזיפּט. פונדערווײַטנס האָט זיך דערטראָגן דער שטילער טויבלעכער גערויש פון וואלד.

די אויסשפּירער האָבן געשפּאנט גיך. זיי האָבן געדארפט צו זעקס נאָל־נאָל זיך צוריקקערן מיט קלאָרע ידיעות: ווי גרויס איז דער „זאסלאָן", וואָס איז דאָס פאר א טייל, וווהין קלײַבט ער זיך.

זיי האָבן געשפּאנט ווײַטלעך איינער פונעם אנדערן, ניט גערעדט צווישן זיך.

דורכגעמאכט פאר פופציק מינוט צוויי דריטל וועג, האָט זיגעל, דער עלטסטער אין דער גרופּע, צוגערופן צו זיך זײַנע כאוויירים. זיי האָבן זיך אײַנגעדרײַען צוגעזעצט אפּ די שפּיץ פינגער הינטער א הויכן קוסט, און זיגעל האָט געגעבן יעדן איינעם זײַן אויפגעבונג: פונדאנען גייט מען אָט אהער, אין דער ריכטונג, אָבער נאָך מער אָפּגעזונדערט, אפּ א הונדערט מיט פופציק ביז צוויי הונדערט טריט, איינער פונעם אנדערן. צוזאמענקומען וועט מען זיך סאמע אפּן זוים פון וואלד, דאָרט וועט ער זיי זאָגן דאָס ווײַטערדיקע. נאָר ס'איז נאָך געבליבן אן ערעך א קילאָמעטער גאנג, האָבן זיי אלע דרײַ דערהערט א ווײַטלעכן גערויש פון א טאנק. זיגעל האָט מיט א שטילן פויגל־פײַפ ווידער צוגערופן צו זיך זײַנע כאוויירים און געגעבן זיי א פרישע אויפגעבונג: זיך דער־נעענטערן צום טאנק, גיין אים אנטקעגן, פון דרײַ פארשיידענע זײַטן.

און אָט איז דער טאנק ארויסגעקראָכן פון וואלד און מיט פּא־מעלעכן גאנג זיך געלאָזט צום קוסטארניק.

זיי האָבן אויסגעווארט א היפּשע צײַט, דורכגעלאָזט דעם טאנק.

דערזען, אז די מאשין איז, ווײַזט אויס, אײנע אַלײן, האָט זיגעל געגעבן א סיגנאַל אַטאַקירן דעם פֿײַנטלעכן טאַנק.

אפּאָנין פֿון דער רעכטער זײַט, קירײעוו פֿון דער לינקער, ער אַלײן, זיגעל, פֿון צענטער, האָבן זײ אַלע דרײַ מיטאַמאָל געפּויזעט צום טאַנק. ווען זײ האָבן זיך דערנעענטערט צו אים אַף דער געהעריקער דיסטאַנץ, האָבן זײ אים פֿאַרוואָרפֿן מיט האַנט־גראַנאַטעס. זײ האָבן פֿון דער נאָענט געשאָסן, ווען דאָס אײבערשטע דעקל האָט זיך געעפֿנט און א קאָפּ האָט זיך דאָרט באַוויזן. עפּעס האָבן זײ, ווײַזט אויס, דערגרייכט, די דרײַ אויסשפּירער: די מאַשין האָט עטלעכע מאָל פֿאַרקערעוועט אַף רעכטס, אַף לינקס, אַרויסגעלאָזט א פּאָר רײענ קוילן און פּלוצלינג זיך אָפּגעשטעלט. דעמלט האָט דאָס זיגעל באַמערקט, אַז אַפּאָנין מיט קירײעוון זײַנען געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך. האָט ער אָנגעהויבן פּויזען צו זײ אַף דערלאַנגען זײ גיכע הילף. נאָר דאָ האָט זיך ווידער געעפֿנט דאָס אײבערשטע דעקל, זיגעל האָט אַרויסגעלאָזן פֿון זײַן אווטאָמאַטישער ביקס א זאַלפּ אין קאָפּ פֿונעם פֿײַנטלעכן טאַנקיסט, דער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעגליטשט צוריק אין טאַנק אַרײַן, און אָט איז ער געבליבן אײנער אַלײן אין פֿעלד.

„אזוי איז דאָס אַלץ געווען?" — פֿרעגט זיך אין געדאַנק זיגעל. — „אזוי און ניט אַנדערש", — ענטפֿערט ער זיך אַלײן.

זיגעל האָט געהאָפֿט, אַז בײסן פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אינעם געשעענעם, וועט ער געפֿינען אַן אָנווײַזונג וואָס ווײַטער צו טאָן. אָבער ער האָט די אָנווײַזונג ניט געפֿונען. דריקט ער זיך צו נאָך פֿעסטער צו דער ערד און טראַכט ווײַטער. יאָ, דאָס איז געווען נאָר אזוי און ניט אַנדערש. אָבער וואָס זשע טוט מען איצט?

ער גיט א הײב זײַן קאָפּ צום הימל. דאָרט לײַטערט זיך. עס גײט אוף א שײנער טאָג. און צוזאַמען מיטן העלן ליכט גײט אוף אין זיגעלס האַרץ עפּעס א ניט פּאַסיקע צו דער מיגוט פֿרײד: ער דערזעט גאָר פּלוצלינג דעם הויכן ברעג מאָסקווע־טײַך אַף די לעניג־בערג. עס איז אינמיטן העלישן זומער. ער שטײט אַפֿן הויכן ברעג מיט נאַטאַשען. דער פּאַרק רוישט מיט הונדערטער טויזנטער קוילעס. מוזיק. געלעכטער. שמײכל אַף טויזנטער פּענעמער. ער וואַרפֿט זיך מיט נאַטאַשען אין וואַסער אַרײַן. זײ שווימען אַקסל צו אַקסל. זײ ווילן דעריאָגן איר ברודער, סאַשקע מאָסקווינען. יענער איז ווײַט אָוועקגעשווומען, און עס איז זײ שווער אים צו דעריאָגן...

ערשט מיט אײן פֿולן יאָר צוריק איז דאָס געווען.

און אָט ליגט ער איצט הינטער א קוסט אַפֿן ראַנד פֿון דער סאָוועטישער ערד, און דאָס גאַנצע לאַנד הינטער אים זעט אויס אין

זײַנע אויגן, ווי אײן ריזיקער יאָמטעוודיקער פּאַרק, פול מיט מוזיק און פרייד.

„דער טײַוול זאָל דיך נעמען! — שעלט זיך זיגעל אין געדאַנק. — עס וועט נאָך הײַנט זײַן גאָר אַ שיינער זומער-טאָג, און עס וועט דיר, שלימאזל, שווערלעך אָנקומען דאָס צוריקפוזיען אהיים"...

נאָר דאָ קומט אים פּלוצלינג אין קאָפּ אַרײַן דער געדאַנק, אַז ער האָט גאָר קיין רעכט ניט צו פוזען אהיים. מיט וואָס וועט ער צו זיי קומען? וואָס וועט ער זיי דערציילן? אַז ער האָט מיט זײַן געראָטענעם אויסשפּיר אַ טויט געבראַכט אף זײַנע צוויי כאַווײרים, געלאָזט זיי דאָרט זיך וואַלגערן אין פעלד און גאָרניט זיך ניט דערוווּסט?

און ער בײַסט זיך ווידער אײַן מיט זײַן בליק אין דער מאַשין, וואָס שטייט עטלעכע הונדערט טריט ווײַט פון אים.

דער טאַנק שטייט און שווײַגט.

איז עפּשער פוזען צו דער מאַשין און געבן אַ קוק: צי קאָן זי נאָך אַרבעטן? צי קאָן מען זי פאַריכטן? דערופ איז ער, יאַקאָוו זיגעל, דער טאַנקיסט, דאָך געשיקט געוואָרן אין אויסשפּיר, אַז ער זאָל אַגעוו קלאָר מאַכן — צי האָט דאָ דער סוינע טאַנקען? און צי קאָנען אונדזערע טאַנקען מיט דעם וועג גיך און גוט דורכגײן און אַראָפּנעמען פונדאַנען דעם פײַנטלעכן „זאַסלאָן"?..

נאָר דאָס דאַרף מען נאָך באַטראַכטן.

„כאַווער לייטענאַנט, וואָס וואָלט איר געטאָן אין מײַן לאַגע?"

די פראַגע שיקט ער אין געדאַנק צום לייטענאַנט אַלעקסאַנדער מאָסקווין, זײַן נאַטשאַלניק און שוואָגער. און אים דוכט זיך, אַז ער זעט קלאָר: דער לאַנגער סאַשקע מאָסקווין ליגט אויסגעצויגן נעבן אים און ווייסט אַליין אויך ניט וואָס צו טאָן. דעמלט כאַפּט אים אָן אַ יינגלשער כיישעק אַ שטיפּ צו טאָן מיט זיך אַליין, און ער מאָלט זיך אויס, ווי פון דער צווייטער זײַט זײַנער ליגט הינטערן קוסט דער פּאָלקס-קאָמיסאַר. און ער דרייט אום זײַן קאָפּ אין דער צווייטער זײַט און פרעגט:

„כאַווער פּאָלקס-קאָמיסאַר פון לאַנדשוץ, וואָס באַפוילט איר איצט טאָן?"

נאָר אַרום איז שטיל. קיינער ענטפערט ניט. אַ שיינער טאָג גייט אוף. און צוזאַמען מיטן שיינעם טאָג גייט אוף עפּעס אַ ריזיקע געפאַר פאַר יאַקאָוו זיגעלס יונג לעבן. און צוזאַמען מיטן פאָרגעפיל פון לעבנס-סאַקאָנע שווימען אוף אין זיגעלס זיקאָרן דרײַ נאָענטע מענטשן — מאָסקווינס. פון זינט ער האָט כאַסענע געהאַט מיט נאַטאַשען, האָט ער פּלוצלינג אין אַלע ווינקעלעך פונעם גרויסן לאַנד באַקומען קרוווים —

די מאָסקווינס. ווען ער קלעטערט אין זיין אורלויב אפ די קאווקאזער בערג, טרעפט ער דאָרט א מאָסקווין, נאטאשעס א פעטער. ווען ער נעמט זיך אָרגאניזירן אפן אווטאָזאוואָד א סטאכאנאָווישע בריגאדע, קומט אים צו הילפ א מאָסקווין, נאטאשעס א שוועסטערקינד. ווען ער ווערט געשיקט אהער מיט דער ארמיי, טרעפט ער דאָ ווידער א גוט-באקאנטן סאשע מאָסקווין, נאטאשעס ברודער. און אלע זיי, די מאָסקווינס, פרעגן זיך בא אים נאָך אפ נאטאשען אזוי, און קוקן אפ אים דערביי אזוי, ווי זיי וואָלטן געוואָלט נאָכאמאָל אָפשאצן, צי האָט זיך נאטאשע ניט גענארט מיט דעם פריילעכן יינגל מיט די בלויע אויגן און קיילעכיקן ווייסן פּאָנעם. און איבער דעם אלעם שטייט קעסיידער פאר די אויגן דאָס בילד, ווי ער אליין שטייט מיט נאטאשען אפן הויכן ברעג מאָסקווע-טייך, אפ די לענין-בערג, און זיי ביידע קוקן אין דער ווייט און זען, ווי ערגעץ דאָרט אין פעלד ליגט איינער אליין א יונגער טאנקיסט און ווייסט ניט וואָס וויטער צו טאָן...

א ווייטעק פרעסט צונויף זיין הארץ: גראָד אין די טעג דארף נאטאשע האָבן א קינד, דאָס ערשטע קינד זייערס. און עס איז אָפּגערעדט געוואָרן, אז א נאָמען וועט מען געבן דעם יינגל יאקאָוו. און הייסן וועט ער יאקאָוו יאקאָוולעוויטש זיגעל-מאָסקווין. און אָט קאָן זיך איצט א קערעווע טאָן זיין יונג לעבן אזוי, אז ער זאָל גאָר זיין קינד קיינמאָל אין די אויגן ניט זען...

— טפוי, טשערטיאקא! — טרייבט פון זיך זיגעל אָט די בילדער און מאכט זיך גרייט צו פויזען צום טאנק.

נאָר דאָ באמערקט ער פלוצלינג, ווי אינעם אייבערשטן אָפענעם דעקל פונעם טאנק באווייזט זיך ווידער דער קאָפּ פונעם פאשיסטישן טאנקיסט. יענער קוקט זיך פאָרזיכטיק ארום, און זיגעל דריקט זיך צו שטייפער צו דער ערד. יענער הייבט זיך אפ דער איינער לינקער האנט זיינער, און זיגעל פארגעסט אָן אלץ און שפירט אים נאָך. אָט איז ער שוין אפ דער העלפט ארויסגעקראָכן. די רעכטע האנט הענגט בא אים אומנאטירלעך. ער מוז זיין פארוואונדעט אין אקסל, צי וואָס. אָט הייבט ער זי, די אָנמעכטיקע האנט, פארוקט זי פאמעלעך הינטערן באָרטן פון דער קורטקע. מיט דער לינקער, געזונטער, האנט ווארפט ער ארויס עפעס א רענצל, און אליין הייבט ער זיך אלץ העכער, העכער, איבערן אָפענעם דעקל פונעם טאנק. אָט האָט ער זיך אריבערגעבויגן און זיך אראָפגעגליטשט אפ דער ערד. א היפשע ווײַלע בלייבט ער ליגן אומבאוועגלעך.

„ליג. — טראכט זיגעל, ניט אראָפלאָזנדיק קיין אויג פון אים. — נו, און וואָס וועסטו ווייטער טאָן?"

דער פײַנטלעכער טאַנקיסט גיט אַ הײב דעם קאָפּ, קוקט זיך אום און פּויזעט צום רענצל. ער ציט זיך אַפּ דער געזונטער האַנט, ער שטופּט אונטער זײַן קערפּער מיט די פּיס. ער פּויזעט זײער לאַנגזאַם. נאָר װען ער פּויזעט אַרום דעם טאַנק אַרום און אַרום און קומט צו־ריק צום רענצל, באַקומט ער גאָר אַן אַנדער אויסזען: ער שטעלט זיך אַפּ די קני, עפנט דאָס רענצל, נעמט אַרויס געצײַג און הײבט אָן פּאַ־ריכטן דעם טאַנק.

זיגעל פאַרטײַעט דעם אָטעם. ער קוקט נאָך דעם טאַנקיסט, װי יע־נער אַרבעט גיך און געשיקט מיט דער אײנער לינקער האַנט, האַלט־דיק די רעכטע האַנט אײַנעם באָרטן פון דער קורטקע. און װאָס אַ רעגע װײַטער, װערט זיגעל אַלץ מער פאַרביטערט קעגן פײַנטלעכן טאַנקיסט.

„אָט אַ שעד! — טראַכט ער מיט סינע, און עפּעס אַ פרײד כאַפּט אים גאָר אָן. — אױב אַזױ, אױב מע קאָן נאָך דעם טאַנק פאַריכטן...״

און עס קומט זיגעלן אין קאָפּ אַרײַן אַזױנס, װעגן װאָס ער װאָגט נאָך ניט צו טראַכטן.

און ער טראַכט מער גאָרנישט, זיגעל. מיט דער אױטאָמאַטישער ביקס צוגעדריקט צו אַ זײַט פּויזעט ער אַװעק צום טאַנק, אױסבאַ־האַלטנדיק זיך הינטער די קוסטעס.

ער פּויזעט שנעל און האַסטיק. אים אַרט שױן איצט ניט, װאָס זײַנע פּויזען הײבט אױף, דוכט זיך, אַ שטיקל גערויש, עס גײט אים מער ניט אָן, װאָס דער טאָג שײַנט אױף אַלץ ליכטיקער און שענער. פונדעסטװעגן, װען ער איז שױן גאַנץ נאָענט צום ציל, בלײַבט ער ליגן הינטער אַ גרויסן ברײט־צעצװײַגטן קוסט. צי איז שױן יענער פאַרטיק מיט דער מאַשין? צי האָט ער אים ניט באַמערקט? ער רוט זיך אָפּ, זיגעל. ער קוקט זיך אײַן. יענער קלײַבט שױן צונױף זײַן געצײַג. אָט װאַרפט ער שױן דאָס רענצעלע אין דער מאַשין אַרײַן. מער טאָר מען ניט װאַרטן. מיט אומגעװײנלעכן האַסט גיט זיך זיגעל אַ װאָרף פאָרױס. אײדער דער פײַנטלעכער טאַנקיסט באַװײַזט זיך אומקוקן, איז שױן זיגעל נעבן אים. נאָך אײן װאָרף — און ער ליגט שױן אַפּ אים. ער דריקט אים צו צו דער ערד.

ערשט איצט דערזעט זיגעל, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אונ־טעראָפיצער, צי מיט אַ קאַפּראַל, דער טײַװל װײסט אים. יענער שרײַט איבערן גאַנצן װאַלד ניט מיט זײַן קאָל.

אױגנבליקלעך כאַפּט זיך זיגעל, אַז דער סױנע שרײַט צו הױך. דאָס רופט ער עמעצן צו הילף? מיט אײן זעץ פון זײַן פּיר־קאַנטיקן גרויסן פויסט לײגט זיגעל אַװעק דעם געפאַנגענעם צוריק אַפּ דער ערד.

— ווער שטום! — כריפעט זיגעל און ווערט אופגעציטערט: ווײַט־ווײַט, סאמע אפֿן זוים פֿון וואלד, האָט אים עפּעס א שווינדל געטאָן פאר די אויגן. א מענטש פויזעט דאָרט?

זיגעל וואלגערט זיך ארופֿ אפֿן געפאנגענעם און פארטײַעט זיך. יענער מענטש האָט זיי באמערקט, צי ניט באמערקט? דער געפאנגענער דרייט זיך אונטער אים, פּרוּווט דערלאנגען צו זײַן געווער. דער געפאנגע־נער האָט יענעם פויזענדיקן מענטשן זיכער באמערקט. און ער האָט דערפון פרישן קויעך באקומען.

זיגעלן ווילט זיך א טראכט טאָן: וואָס דארף ער טאָן מיטן גע־פאנגענעם?.. פון הינטן ליגן זײַנע צוויי געפאלענע כאווירים... פון פאָרנט פויזעט אהער דער סוינע... און אָט באווײַזט זיך רעכטס נאָך איינער...

עס ברענט דאָס לײַב אפֿ זיגעלן פון צאָרן און פון האס.

— א־א... — כריפעט ער, ארויסכאפנדיק דעם פּיצינקן קאָלט פון דער הויזן־קעשענע, — איר האָט נאָך קיין מאָסקווער באָכערים, ווײַזט אויס, ניט געזען...

מאשינעל שטעלט ער צו דאָס רעוואָלווער־רערל צום געפאנגענעמס שלייף און דריקט אָן דאָס צינגל. איצט איז ער שוין פרײַער. יאָ, יאָ, פרײַער! איצט איז שוין אָבער ניטאָ וואָס צו באהאלטן זיך — זיי האָבן אים באמערקט, די פויזענדקע. ער הייבט זיך אוף אפֿ די קני. ער דערזעט נײַס און שרײַט ניט ווילנדיק אויס: „אך, בעסטיע!" לינקס קריכט אפֿ אים נאָך איינער. פון דרײַ זײַטן איז ער ארומגערינגלט. ער ווארפט ארויס די ביקס, צילעוועט זיך אָן און לאָזט ארויס א זאלפּ. „טרינק צו געזונט!" ער קערעוועט זיך אויס צו די איבעריקע צוויי. זיי האָבן גוט געזען, ווי דער דריטער זייערער איז געבליבן ליגן אפֿן אָרט. זיי לויפן אפֿ אים. זיי שיסן אין אים. די קוילן לייגן זיך רעכטס, לינקס, פון פאָרנט, פון הינטן. זיגעל טרעט אָפּ צוריק צום טאנק. פון־דאנען, א באשיצטער פונעם פאנצער־שטאָל, לאָזט ער ארויס עטלעכע זאלפן. נײַן! ער האָט ניט געטראָפן. זיי לויפן נאָך אלץ. אלץ דרייט זיך און שווינדלט. דער טאָג גייט אוס. א שיינער טאָג וועט הײַנט זײַן... צו אלדי שווארצע יאָר! וואָס קריכט אים איצטער דער טאָג אין זינען ארײַן? נארעלע, בא דער טאָג־שײַן זעט זיך דער ציל זייער קלאָר... שטעל זיך אָט־אָ דאָ... לאָז זיי צו נעענטער, נעענטער, און מיט א גראנאטע... זיגעל כאפּט ארויס א גראנאטע פונעם בײַטל, גיט זי א שלײַדער ווײַט רעכטס, כאפּט גלײַך ארויס א צווייטע גראנאטע, גיט זי א שלײַדער נאָך ווײַטער לינקס. צוויי אופרײַסן, איינער נאָכן אנדערן. צוויי הויכלעכע פאָנטאנען צעברעקלטער מעטאל. א מעטאלע־

נעמ רעגנ וועט ער פליוכענ איבער די קעפ זייערע... צײַט א קוק טאָנ: וואָס הערט זיכ? א-א! דער, וואָס האָט אימ געיאָגט פונ רעכטס — איז ניט געוואָרנ. אָבער קוילנ זשומענ נאָכ אַלץ איבער זיגעלס קאָפ. דער, וואָס לויפט אפ אימ פונ לינקס... אָט איז ער... אכ, בעסטיע! נאָכ איינ גראנאטע! די לעצטע? נו, מיט דער לעצטער דארפ מענ זיכ גוט אָנצילעווענ... זיגעל דרייט זיכ אויס מיטנ צעפּלאמטנ פּאָנעמ צומ אנט-קעגנלויפנדיקנ. ער לאָזט אימ נעענטער צו זיכ. מיט דער לעצטער גראנאטע דארפ מענ זיכ גוט אָנצילעווענ... די צײַט ברעקלט זיכ אפ צענטלעכ, אפ הונדערטלעכ רעגעס. אינ איינעמ א גליקלעכנ הונדערטל רעגע שלײַדערט זיגעל די לעצטע גראנאטע זײַנע דעמ לויפנדיקנ סוינע אינ פּאָנעמ ארײַנ...

אונ אָט איז שוינ ווידער שטיל, אונ אָט איז ער שוינ ווידער, דוכט זיכ, איינער אַליינ אינ פעלד...

אינ דער ערשטער רעגע שוואכט אימ אָפּ די שטילקײַט. ער ווייסט שוינ ווידער ניט וואָס צו טאָנ. נאָר דאָ פאלט זײַנ בליק אפנ קוסטאר-ניק, אפנ וואלד, ער דערזעט קלאָר די צעוואָרפענע טויטע שלאכטלײַט — פיר זייערע, צוויי אונדזערע — אונ ער כאפט זיכ, אז די דרײַ, וואָס האָבנ זיכ געיאָגט נאָכ אימ, זײַנענ ארויס פונ וואלד. הייסט עס, אז די קויכעס זייערע זײַנענ דאָרט... אָבער נאָכ אַלעמענ ווייסט ער דאָכ פּאָרט ניט, וויפל זיי זײַנענ דאָרט, ווער זיי זײַנענ דאָרט...

ער קריכט אפנ טאנק מיט א מאָדנעמ צאפלדיקנ פּאָרגעפיל אינ הארצנ. אָט איצט ערשט הייבט זיכ אָנ דאָס רעכטע אונ געדיכטע...

ער שפּרינגט ארײַנ דורכ דער אייבערשטער לאָכ אינ טאנק ארײַנ אונ נעמט זיכ פיבערהאפט צו דער ארבעט. ער געפינט אינ טאנק צוויי טויטע קערפּערס. איינ אויגנבליק גיט ער א טראכט, אונ גלײַכ גיט ער זיכ א וואָרפ צו איינעמ פונ די צוויי טויטע, שלעפּט פונ יענעמ אראָפּ זײַנ היטל מיט דער קורטקע אונ טוט עס אָנ אפ זיכ. דערנאָכ פּאטערט ער זייער א סאכ מי אפ אופצוהייבנ די טויטע קערפּערס, דורכשטופּנ זיי דורכנ לאָכ אונ ארויסוואַרפנ זיי. א פּארשוויצטער שטעלט ער אוועק צו דער האנט די אוטאָמאטישע ביקס זײַנע אונ פּרוווט אויס די מאשינ.

פונ זײַנ קאָפּ זײַנענ שוינ צו דער מינוט ארויסגעשטויסנ געוואָרנ אַלע איבעריקע זײַטיקע בילדער — אינ קאָפּ צייכנט זיכ אונ פורעמט זיכ א נײַ בילד: דאָ ניט ווײַט, אינ וואלד, שטייט דער פײַנטלעכער טייל. ער וועט קומענ צו זיי אפ זייער טאנק אונ וועט זיי רופנ אהער, נעענ-טער, נעענטער צומ דערפל, פונוואנענ ער איז הײַנט צוויי באנאכט ארויס מיט אפאָנינענ אונ קירייעוונ...

ער פארהאקט דאָס אייבערשטע דעקל און פרווּוט זיכ לאָזנ די מאשינ.

אינ יענעמ פרימאָרגנ האָט מענ אפנ זוימ פונ וואלד געקאָנט זענ, ווי עס לויפט ארומ אינ קוסטארניק א קליינער טאנק.

אָט האָט זיכ די מאשינ א קערעווע געטאָנ רעכטס, און אָט — לינקס. אָט איז זי געלאָפנ מיט דער העכסטער שנעלקײַט, און אָט איז זי געגאנגענ מיט פאמעלעכנ גאנג. דעמ קוסטארניק איז זי ארומגעפאָרנ ארומ און ארומ. זיגעלס פאָר אויגנ זײַנענ הארט צוגעפאלנ צומ קליינעמ לעכל אינעמ פאנצער-שטאָל.

דער טאָג איז אופגעגאנגענ העכער און ליכטיקער. זיגעלנ האָט זיכ פארוואָלט אויסשפּירנ דעמ גאנצנ קוסטארניק, נאָכאמאָל א קוק טאָנ, צי זײַנענ שוינ טאקע אלע זעקס דײַטשישע סאָלדאטנ אינגאנצנ אומשעדלעכ. נאָכאמאָל א קוק טאָנ אפ אפאָנינענ מיט קירייעווּנ, זאָגנ זיי עפּעס א געזעגענונגס-וואָרט...

היציקע כוואליעס האָבנ ווי אינ אנ אופגעברויזטנ יאמ זיכ געכוואליעט אינ זײַנ הארצנ. ער איז יאָ געווענ זיכער, אז ער וועט די שלאכט געווינענ, און ער איז ניט געווענ זיכער דערינ. ער האָט וועגנ דעמ ניט געטראכט. רעגעס, ווי פונקענ, האָבנ אינ זײַנ צעהיצטנ מויעכ זיכ געצונדנ און געלאָשנ. עס איז אוממעגלעכ געווענ צו כאפּנ דעמ מיינ זייערנ: וואָס זאָגנ זיי אימ אָנ, די אויגנבליקלעכע פאָרגעפילנ, וואָס צינדנ זיכ אזוי העל און לעשנ זיכ אזוי שנעל?

נאָר אלצ ארומ און ארומ, דאָס גאנצע בילד, ווי ער האָט זיכ געשלאָגנ איינער קעגנ פיר, ווי ער איז זיי בײַגעקומענ, ווי ער האָט זיכ ארײַנגעכאפּט אינ דער מאשינ, ווי ער האָט ארויסגעוואָרפנ פונ דאָרטנ די טויטע, ווי ער האָט זי געלאָזט, די מאשינ, און ווי זי האָט אימ געפאָלגט, — דאָס אלצ האָט פאָרט פול געמאכט זײַנ הארצ מיט עפּעס א זעלטענעמ פאָרגעפיל פונ גליק, וואָס עס מוז אוואדע שפּירנ דער דערפינדער, דער דיכטער, דער מוזיקער, ווענ זיי טוענ זייער ארבעט און עס געראָט זיי. כאָטש אויכ וועגנ דעמ האָט ער ניט געטראכט.

ער האָט מיט עפּעס אנ אויסגערעכנטנ האכט געפירט די מאשינ, געפירט זי ניט גלײַכ צומ ציל. ער האָט פארלאנגזאמט דעמ גאנג אירנ בא איינ געפאלענעמ דײַטשישנ סאָלדאט, באמ צווייטנ, באמ דריטנ, ער האָט זיכ גאָר אינגאנצנ אָפּגעשטעלט, ווענ ער איז געקומענ צו אפאָנינענ. ער איז ארויסגעשפּרונגענ פונ דער מאשינ, געשטאנענ א ווײַלע נעבנ זײַנ געפאלענעמ כאווער, ווי ער וואָלט אימ געהאט עפּעס צו זאָגנ און פארגעסנ וואָס. נאָר אָט האָט ער זיכ דערמאָנט, ווײַזט אויס. ער האָט זיכ האסטיק אָנגעבויגנ איבער אימ, גענומענ אימ אינ זײַנע פעסטע אָרעמס און ארײַנגעטראָגנ אימ אינ דער מאשינ ארײַנ.

דערנאָך איז ער מיט פלינקע טריט צוגעלאָפן צו קירייעוו, געכאפט אויך אים אַף די הענט און אויך אים אַרײַנגעטראָגן אין דער מאשין. און ערשט נאָך דעם אַלעמען האָט ער זיך געלאָזט אין וואַלד, אין דער ריכטונג, פון וואַנען עס זײַנען געקומען די דרײַ דײַטשישע סאָלדאַטן, די אויסשפּירער, וואָס זײַנען לעבעדיקע מיט עטלעכע מינוט צוריק געלאָפן צום טאַנק.

אויך אין שיטערן וואַלד האָט ער געפירט זײַן מאַשין זיגזאַגאַרטיק, אַהין און אַהער. ער האָט געזוכט דעם סוינע, אָבער עס האָט זיך געקאָנט אויב דוכטן, אַז ער זוכט פאַר עמעצן אַ באַקוועמען וועג.

ער איז געווען זייער דערפרייט פון זײַן גליקלעכן געדאַנק מיטצונעמען זײַנע געפאַלענע כאַווײרים. אין די ערשטע רגעס האָט ער זיך מיט זיי געפילט, ווי מיט לעבעדיקע: ער איז ניט איינער, זיי זײַנען אינדרײַען...

און אומגעפער אין אַ שאָ אַרום, ווען ער האָט דורכן לעכל אינעם פאַנצער־שטאָל ווײַט פאָרויס דערזען דרײַ היפּשלעכע פײַנטלעכע קאָלאָנעס, איז ער שוין געווען אין צושטאַנד פון אַ מענטשן, וואָס האַלט אינמיטן פון אַ געראָטענער אַרבעט, אַ צושטאַנד, וואָס מאַכט דעם מענטשן פאַרגעסן אין אַלץ און פירט אים שוין אָן וואַקלונג צום ציל.

ער האָט האַסטיק אָנ עפן געטאָן דאָס אייבערשטע דעקל און אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און די פּלייצעס.

— אונדזערע! — האָט ער, פאָכנדיק מיטן דײַטשישן היטל, געשריִען צו די קאָלאָנעס דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אין דער רגע אין קאָפּ אַרײַן. — פּערטיק, פּערטיק!

דײַטשיש־ייִדישע ווערטער האָבן זיך געטראָגן פון זײַן מויל צעקאַליעטשעטע, אָבער די ווײַטקײַט, דער וואַלד־עכאָ האָט זיי נאָך מער צעקאַליעטשעט און געמאַכט ניט צו דערקענען, אַז דאָס שרײַט ניט קיין דײַטשיש מויל.

די קאָלאָנעס האָבן זיך אַ וויג געטאָן. זיי האָבן דערקענט זייער מאַשין.

די מאַשין האָט זיך אָוועקגעטראָגן, איצט שוין מיטן גלײַכן וועג, צוריק צום קוסטאַרניק, וווּ עס זײַנען געלעגן די געפאַלענע.

פירנדיק מיט איין האַנט די מאַשין, פּרוּוונדיק אין געדאַנק די שיסאַפּאַראַטן, אַרומקוקנדיק זיך דורכן שפּעלטל אינעם פאַנצער־שטאָל אין אַלע זײַטן, האָט זיגעל נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל באַטראַכט זײַן פּלאַן. און ער איז אים געפעלן געוואָרן, דער פּלאַן זײַנער.

יאָ, דאָס וועט שוין זײַן דאָס בעסטע: אָנשטאָט צו ברענגען יעדיעס וועגן סוינע, וועט ער שוין בעסער צופירן דעם סוינע אַליין נעענטער צו אונדזער טייל... נו, און אונדזערע כעוורע וועלן שוין...

ער האָט שאַרף אַ קערעווע געטאָן די מאַשין צוריק צו די קאָלאָנעס,

א קוק געטאָנ: צי גייענ זיי נאָכ אימ? יאָ, זיי גייענ, זיי גייענ אײַליק. ווײַזט אויס, אז דערופ איז טאקע לעכאטכילע געשיקט געוואָרנ די מאשינ, אז זי זאָל געפינענ א גוטע פּאָזיציע פאר אָט דעמ „זאסלאָנ". אונ ער האָט ווידער א הייב געטאָנ דאָס דעקל, ווידער ארויסגעשטעקט דעמ קאָפּ מיט די אקסלענ אינעמ דײַטשישנ אָנטועכצ, ווידער געפּאָכט מיטנ היטל אונ אומנאטירלעכ הויכ געשריִענ:

— פּערטיק, פּערטיק!!!

אונ צוריק פארהאקט דאָס דעקל, מיט שנעלערנ האסט זיכ געלאָזט צומ קוסטארניק.

וואָלט ער אינ דער מינוט רויִק געקאָנט באטראכטנ זײַנ צושטאנד, וואָלט ער זיכער דאָרט אנטדעקט א ווונדערלעכע, קימאט אומפארשטענדלעכע דערשײַנונג: ער האָט פארגעסנ, אז ער פירט מיט זיכ זײַנע געפאלענע כאווײרימ, אָבער ער האָט שוינ איצט אויכ מער ניט געהאט דאָס געפיל פונ איינזאמקײַט, פונ זײַנ איינער אליינ אינ פעלד. פארקערט, ער האָט זיכ געפילט געבונדנ מיט די פיר-פינפ הונדערט באוואָפנטע מענטשנ, וועלכע ער האָט געשלעפּט נאָכ זיכ. ערשט דעמלט, ווענ זיי וואָלטנ ניט געוואָלט גיינ נאָכ זײַנ מאשינ אונ ווענ ער וואָלט זיכ יאָ דערמאָנט, אז ער פירט מיט זיכ זײַנע טויטע כאווײרימ, וואָלט ער זיכער ווידער זיכ דערפילט שלעכט אונ ביטער, איינזאמ, טאקע נאָר אזוי, ווי עס קאָנ זיכ פילנ א מענטש איינער אליינ אפנ שלאכט-פעלד. נאָר טאקע דערפאר, ווײַל ער האָט אינ די טויטע פרײַנט פארגעסנ אונ די לעבעדיקע סאָנימ פונ אויג ניט ארויסגעלאָזט, אונ, דעריקער, דערפאר, ווײַל ער האָט וועגנ דעמ ניט געטראכט, טאקע נאָר דערפאר, ווײַל זײַנ גאנצ וועזנ איז איצט פול געווענ מיט איינ פארלאנג: וואָס גיכער ברענגענ דעמ סוינע צו אונדזערע קויכעס, אז מיר זאָלנ זיי קאָנענ איינס אונ צוויי ארומריגלענ אונ אנטוואָפענענ, טאקע דערפאר האָט ער פארלאָרנ דאָס געפיל פונ איינזאמקײַט. אפנ ערשטנ בליק קאָנ עס אויסווײַזנ פאנטאסטיש אונ אומדערקלערבאר, אָבער דאָס איז פאָרט אזוי: זיי, די עטלעכע הונדערט דײַטשישע סאָלדאטנ, האָבנ אימ ווי צוגעגעבנ מוט אונ קויכעס צו דערפירנ די אָפּעראציע ביזנ סאָפ.

ער האָט עטלעכע מאָל אומגעדרייט זײַנ מאשינ, ארויסגעשטעקט דעמ קאָפּ, געפּאָכט מיטנ דײַטשישנ היטל אונ אלצ געררופנ זיי:

— פּערטיק, פּערטיק!..

אונ גלײַכ אפנ אָרט האָט ער צוריק פארהאקט דאָס דעקל אונ איז מיט וואקסנדיקער היצ אונ אויסגערעכנטער האסטיקײַט אלצ נעענטער אונ נעענטער געקומענ צומ שיטערלעכנ קוסטארניק.

נאָר איידער ער איז נאָכ געקומענ הארט צומ קוסטארניק, האָט אימ

שוין אָנגעכאַפּט א גרויסער ספֿק: צי איז עס א פּלאַן צו פירן זיי אהין? צי וועלן זיי גיין טאַקע אזוי נאָך אים, נאָך זײַן קינדערשן פּאָכן מיטן היטל און נאַרישן רוף: „פּערטיק, פּערטיק...“ וואָס איז געוועזן זײַן אויפגאבע? דער לייטענאַנט האָט געשטעלט פאַר אים א גאנץ באַשטימטע אויפגאבע: אויסשפּירן, ווי גרויס איז דער „זאַסלאָן“, ווער זײַנען זיי, וווהין קערן זיי זיך. די אויפגאבע איז געלייזט. איצט קאָן ער אָפּ דער דײַטשישער מאַשין צוריקפאָרן אהיים... ווי וועלן זיי באַגעגענען די דײַטשישע מאַשין? א קלײניקײט, ער וועט אויפעפענען דעם אייבערשטן ליוק און וועט זיך פאַר זיי באַווײַזן...

צו דער מינוט איז ער שוין ווידער געווען אינעם קוסטאַרניק, ווו עס זײַנען געלעגן די געפאַלענע. ער האָט ווידער אויסגעקערעוועט די מאַשין, איז שטײַפער צוגעפאַלן מיט די אויגן צום שפּעלטעלע אינעם פאַנצער-שטאָל, און דאָ האָט ער דערזען עפּעס גאָר אומדערוואַרטס.

איינצלנע דײַטשישע סאָלדאַטן, די פּאָרויסגייענדיקע, האָבן זיך אָנגעבויגן איבער די געפאַלענע. אָט האָבן זיי אויפגעהויבן דעם דערשאָסענעם דײַטשישן טאַנקיסט און אוועקגעטראָגן אים צו דער קאָלאָנע. אָט האָבן אַנדערע סאָלדאַטן אויפגעהויבן די איבעריקע אויסשפּירער און טאַנקיסטן און אויך זיי אוועקגעטראָגן צו דער קאָלאָנע. און זיגעל איז נאָך אלץ געווען אין געפּענקעניש בײַ זײַן דורכגעפאַלענער אידיי. מאַשינעל האָט ער ווידעראַמאָל אויפגעעפנט דעם אייבערשטן ליוק, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און ווידער א געשריי געטאָן:

— פּערטיק, פּערטיק!..

נאָר ער האָט אינסטינקטיוו גלײַך זיך אַראָפּגעגליטשט צוריק, פאַרהאַקט דאָס דעקל און זיך א וואָרף געטאָן צום שיס-געווער. מע האָט שוין אין אים געשאָסן. א פּאָר קוילן האָבן שוין א פּיק געטאָן אינעם שטאָל פון דער מאַשין. ניט געווען שוין איצט קיין אַנדער אויסוועג פאַר אים. ער האָט קלאָר געזען, ווי די קאָלאָנע האָט זיך צעשאָטן אין א קייט. עס איז נאָך גוט, וואָס ער האָט געהאַט סייכל צו האַלטן דעם סוינע אָפּ א היפשן מעהאַלעך פון זיך...

אַנטלויפן?

איינצלנע קוילן פּיקן אין שטאָל, ווי זיי וואָלטן אָנגעקלאַפּט, צי קאָן מען אַרײַן צום באָלשעוויק זיגעל? „ניין, היינט, דער אַרײַנגאַנג איז פאַר אײַך פאַרבאָטן!“

ייִנגלשע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אין קאָפּ, אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניטאָ. מע דאַרף אויפנעמען די שלאַכט...

אזוי האָט געטראַכט זיגעל נאָך דעם, ווי ער האָט שוין אַרויסגעלאָזט די דריטע קוילנוואַרפער-ריי.

ער האָט זיך געלאָזט דערקענענ, יאקאָוו זיגעל, שוינ מיט די ערשטע זאלפנ. ער האָט אינ דער מינוט זיכער ניט געטראכט וועגנ נאטאשעס אפנ הויכנ ברעג, וועגנ זײַנ זונ יאקאָוו, וואָס איז שוינ איצט אוואדע אלט אכט אונ פערציק שאָ, וועגנ דעם גאנצנ לאנד, וואָס ליגט הינטער אימ א זומערדיקס אונ אנ אָנגעגליטס ביזנ העכסטנ גראד. ער האָט אינ דער מינוט וועגנ דעם אלעמ ניט געטראכט, ווײַל ער איז געווענ פארנומענ מיט זייער א הייסער אונ גיכער ארבעט — ער האָט באדארפט צעשיסנ די פײַנטלעכע קויכעס. אָבער ער האָט גאָר ניט געדארפט טראכטנ וועגנ דעם, ווײַל נאטאשע אפנ הויכנ ברעג מאָסקווע-טײַך, אפ די לענינ-בערג, די פרייד אונ מוזיק, וואָס האָט זיך פונ פארק געטראָגנ, דער שמייכל אפ הונדערטער טויזנטער ליפנ, דאָס גאנצע זומערדיקע לאנד זײַנס, די מאָסקווינס, — דאָס אלצ איז געווענ אײַנגעזאפט אינ זײַנ בלוט, אונ זײַנ בלוט האָט איצט געוווסט איינס: צעשיסנ דעם סוינע. ניט ער איינער האָט געשאָסנ, זיי אלע, דאָס גאנצע לאנד, זיצנדיק אינ זײַנ בלוט, האָבנ אימ געהאָלפנ שיסנ.

אונ יאקאָוו זיגעל, דער דויטארמייער, וואָס איז איצט געזעסנ אינ דער דײַטשישער מאשינ, מיט דער דײַטשישער קורטקע אפנ לײַב, מיטנ דײַטשישנ היטל אפנ קאָפּ, האָט געשיקט איינ ריי קוילנ נאָכ דער אנדערער אונ מיט פארגעניגנ געקוקט, ווי גוט זיי קאָסיענ די פײַנטלעכע רייענ, סארא טומל אונ געפילדער עס האָט זיך בא זיי אופגעהויבנ, ווי א גרויסער טייל האָט פארקערעוועט צוריק, אונ וואָס פאר א גוטע פּאָזיציע ער האָט פארנומענ אפנ קעגניבערדיקנ זוימ פונעמ וואלד.

ער האָט געשיקט די קוילנ ריי נאָכ ריי, אונ עס איז אימ נאָכ געבליבנ צײַט צו באמערקנ, אז מיט עפּעס האָט ער די אויבערהאנט איבער אָט די עטלעכע הונדערט סאָנים — צײַט האָט ער געווונענ. אפ צענטלעכ, אפ הונדערטלעכ רגעס פריִער פארנ סוינע האָט ער יעדער מאָל אָנגעהויבנ די באשיסונג. אונ דאָס האָט אנטשיידט, אונ דאָס האָט געמוזט אנטשיידנ.

עס איז געשטאנענ א דורכויסיקער געדונער. ניט אזוי דער געדונער, ווי די נימעסע פּיקערײַ — קוילנ האָבנ קעסיידער געפּיקט אינעמ פאנצער-שטאָל.

עס זײַנענ געווענ בא אימ איינצלנע רגעס, ווענ ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבנ פילנ איינער אליינ אינ פעלד. דאָס זײַנענ געווענ יענע רגעס, ווענ ער האָט געביטנ די דיסקנ, יענע רגעס, ווענ ער האָט ארויסגעלאָזט דעמ סוינע פונ אויג, ווענ ער האָט זיך דערמאָנט אָנ זײַנע טויטע כאווײרימ, ווענ ער האָט געצווייפלט, צי וועט אימ קלעקנ פײַער אפ אוועקצולייגנ אלע סאָנימ.

נאָר באַשיסנדיק די אָנגרייפנדיקע קייט מיט אַן אומופהערלעכן האָגל קוילן, האָט ער גוט געזען, ווי די רייען פון די פאַשיסטן ווערן וואָס אַ רגע אַלץ שיטערער און שיטערער. עס פאַלן זייער אַ סך פיינטלעכע סאָלדאַטן פון זיינע קוילן. עס לויפן צוריק אין וואַלד אַריין היפּשע גרופּעס זייערע. איינצלנע קליינע טיילעכלעך, צו דריי, פיר, פינף אין אַ גרופּקע, באַהאַלטן זיך אויס הינטער די קוסטעס. און נאָר איינציקע קריכן נאָך אַלץ אַף דער מאַשין. זיי באַוואַרפן זי, די מאַשין, מיט האַנט-גראַנאַטעס. די אויפרייסן הילכן נעענטער און ווייטער, אָבער די מאַשין איז דערווייל גאַנץ און באַוועגלעך. זיגעל קערעוועט זי אַהין און אַהער, ווי אַ רייטער קערעוועט זיין צעהיצטן שלאַכט-פערד אין אַ בלוטיקער אַטאַקע.

און דאָס, וואָס די ערשטע רגעס זיינען בא אים געווען זייער געראָטענע, דאָס, וואָס ער איז מיט צענטלעך רגעס פאַרלאָפן דעם וועג דעם כווינע, דאָס האָט אים אונטערגעטריבן, צוגעגעבן מוט און קויכעס גוט צו צילעווען זיך אין די סאַמע נאָענטסטע, סאַמע געפערלעכסטע פאַר דער מאַשין, און קימאַט אין דער זעלבער צייט שיקן קוילן ריי נאָך ריי אין גרויסן ציל, אין דעם טייל קייט, וואָס האָט זיך נאָך געפרוווט האַלטן און אָנגרייפן.

זייער מעגלעך איז, אַז די דאָזיקע שלאַכט האָט געדויערט ניט מער פון געציילטע מינוטן. מעגלעך איז אויך, אַז עס האָט אָפּגענומען צענדליקער מינוטן. יאַקאָוו זיגעל האָט אין דער אַטאַקע פאַרלאָרן דאָס געפיל פאַר צייט. זיין גאַנצע וועזן איז איצט פול געווען מיט אַן אַנדער געפיל — מיטן געפיל פון מאָס. ער האָט מיט די בלויע אויגן, צוגעקאָכטע צום שפּעלטל אינעם פאַנצער-שטאָל, געמאָסטן די פאַרלוסטן פונעם סוינע.

וואָס אַ רגע ווייטער, טיפער אין דער שלאַכט, אַלץ גרינגער האָט זיך געפילט יאַקאָוו זיגעל, אים האָט זיך געדוכט, אַז אַף זיינע פּלייצעס האָבן זיך אַרופגעוואַלגערט פינף הונדערט בערג, און אָט וואַרפט ער זיי פון זיך, איין בארג נאָכן אַנדערן, און עס ווערט אים אַלץ גרינגער און גרינגער... און אָט הייבט ער שוין אָן פילן די גליקלעכע רגעס, ווען ער וועט אַלע בערג אַראָפּשליידערן און בלייבן אַ באַפרייטער... נאָר טאַקע אָט דאָס זעלבע געפיל פון בערג אַף דער פּלייצע האָט אים וואָס אַ רגע ווייטער, אַלץ שטאַרקער געטריבן ניט אָפּצושוואַכן די אַטאַקע אַף קיין איין אויגנבליק.

ער האָט זיך אַליין אין די רגעס ניט געפילט, אָבער געאַרבעט האָט ער מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די פּלייצעס, מיטן קאָפּ, און דאָס פייער פון זיין מאַשין האָט זיך געטראָגן אָן אויפהער, און די מאַ-

שױן אַלײן האָט זיך געקערעװעט און געדרײט, יעדעס מאָל פאַרכאַפּט אָט יענע פּאָזיציע, פונװאַנען יאַקאָװ זיגעלן איז אַמבעסטן צו דער האַנט געװען צו פאַרטײדיקן זיך און אַטאַקירן די לעצטע רעשטלעך.

אופגעהערט שיסן האָט ער אַ שטיק צײַט (די „שטיק צײַט" האָט אין דער װירקלעכקײַט געדױערט אַ צװאַנציק-דרײַסיק סעקונדעס) נאָך דעם, װי אַלץ אַרום אים איז װידער שטיל געװאָרן.

װען ער האָט צום לעצטן מאָל אַ קוק געטאָן אױפן קוסטאַרניק און דערזען דאָרטן די הונדערטער געפאַלענע, האָט אים אױף אײן רעגע זײער שטאַרק אַ שװינדל געטאָן אין די אױגן און אין קאָפּ, און אַן אומגעריכטע שװידערלעכע שרעק האָט אים אָנגעכאַפּט.

ער איז אין דער רעגע ניט געװען זיכער, אַז דאָס איז אױף דער װאָר. אָבער אַפילו אין כאָלעם האָט זיך אים געװאָלט װאָס גיכער קומען אַהײם. נאָר טרײַבנדיק װאָס מער גאַז אין די געדערים פון דער מאַשין, אונטערטאַנצנדיק אױף די אַרױסטאַרטשענדיקע װאָרצלען, האָט ער װידער דערפילט זײַן לײַב און נעשאָמע, און געדוכט האָט זיך אים שױן איצט, אַז עפּעס האָט ער הײַנט אָפּגעטאָן אַזױנס, װאָס מאַכט צוניִשט די שולד זײַנע פאַר די צװײ געפאַלענע כאַװײרים און פאַרן צוריקקערן זיך פונעם אױסשפּיר מיט אַ פאַרשפּעטיקונג אַװאַדע אױף אַ שאָ פינפזעקס.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז ער שױן געװען באַם שטיבל, פוןװאַנען ער איז צװײ באַנאַכט אַרױס אין אױסשפּיר צוזאַמען מיט אַפאַניען און קירײעװן.

װען ער איז אַרױס פון טאַנק, האָט ער זיך פּלוצלינג דערפילט אַזױ אָפּגעשװאַכט, אַז ער איז שיִר אױף דער ערד ניט אומגעפאַלן. צװײ רױטאַרמײער האָבן אים אונטערגעכאַפּט אונטער די הענט. גײענדיק, האָט ער אומגעדרײט זײַן קאָפּ צו דער מאַשין און געװאָלט עפּעס זאָגן. דערזען, װי מע נעמט אַרױס פון דער מאַשין אַפאַניִנס מיט קירײעװס קערפּערס, זײער געװער אַפילע, האָט ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך געלאָזט פירן אין שטוב אַרײַן.

אין שטוב האָט זיך פאַר די אױגן װידער אַלץ אױסגעמישט אין אײן קאַשע, און ער האָט פּלוצלינג דערשפּירט אַ שרעקלעכן דאָרשט.

— אַ טרונק, — האָט ער קוים אַרױסגערעדט, דרײַבנדיק די פאַרטריקנטע בלױ- און װײַס-געװאָרענע ליפּן אײנע אָן דער אַנדערער.

ער האָט אַראָפּגענומען דאָס דײַטשישע היטל פונעם קאָפּ און עס באַטראַכט. אַ בלאַסער שמײכל האָט זיך אױף זײַן פּנים באַװיזן. ער האָט אַ טאַפּ געטאָן אױף זיך די פרעמדע קורטקע און שװאַך געזאָגט:

— געזען אַ מאַסקאַראַד?..

ער האָט זייער דאָרשטיק אויסגעטרונקען א פול קענדל וואסער און געבעטן נאָך. אויסגעטרונקען דאָס צווייטע קענדל וואסער, איז ער א ביסל געקומען צו זיך און געזאָגט:

— פירט מיך צום לייטענאנט מאָסקווין... איך בין זייער פארמאַטערט... די קאָפּעטעס פאָלגן ניט...

ווען מע האָט אים ארויסגעפירט אין דרויסן, האָט די זון זייער גוט א לאַטשטשע געטאָן זיין פארמאטערט הארץ. עס האָט זיך אים ווידער א שטעל געטאָן פאר די אויגן נאטאשע אפן הויכן ברעג מאָסקווע-טײַך, אפ די לענין-בערג, און דאָס גאנצע זומערדיקע לאנד הינטער אים מיט איר.

פאר דרײַ שאָ איז אָפּגעראמט געוואָרן דער קוסטארניק.

די טויטע האָט מען באהאלטן אפן אָרט.

די פארוואונדעטע האָבן געקראָגן הילף.

און אין עטלעכע מינוט ארום נאָכדעם האָט לייטענאנט מאָסקווין גערעדט מיטן שטאב. ער האָט געזאָגט אזוי:

— אין די טעלעפאָנאָגראמעס, וואָס איך האָב אײַך פריער מיט צווי שאָ געשיקט, איז קיין שום פלאָנטער ניט געווען. איך האָב אײַך גע-פרעגט: צי איז ניטאָ קיין בליץ-טעלעגראמע אפן נאָמען פונעם טאנקיסט יאקאָוו זיגעל. פון מאָסקווע דארף זיין די טעלעגראמע. זיין ווײַב האָט נעכטן געדארפט האָבן איר ערשטלינג. דאָס איז איינע טעלעפאָנאָגראמע. אין דער צווייטער האָב איך מיטגעטיילט, אז דער פײַנטלעכער „זאסלאָן" איז ווירקלעך פארניכטעט. א גענויערן ראפּאָרט וועגן אָט דער אָפּערא-ציע האָב איך נאָרוואָס אײַך ארויסגעשיקט. דעם „זאסלאָן" האָט פאר-ניכטעט דער טאנקיסט יאקאָוו זיגעל. ער איז געבליבן איינער אליין אין פעלד און האָט אליין דורכגעפירט די גאנצע אָפּעראציע. דער וועג איז פרײַ!

י. דאָברושינ

צוויי געשיכטעס

(א סצענישער דיאַלאָג)

טאָכטער (לויפט אריינ האסטיק אינ שטוב). מאמע, אלע גייענ!

מוטער. ווער גייט, וווהינ?

טאָכטער. אפנ פּראָנט גייט מענ. אלע מיינע כאוורטעס גייענ העלפנ שלאָגנ זיך מיט דער פאסקודסטווע, מיט היטלערנ.

מוטער (זיפצט אָפּ). טאקע א פאסקודסטווע. (גייט ארויס, זוכנדיק עפּעס. די טאָכטער לאָזט זיך עפענענ דעמ אלמער, שלעפּט ארויס פונ דאָרט קלייניקייטנ, לייגט צונויפ אינ א פעקל. אז די מוטער גייט אריינ, באהאלט זי אויס).

טאָכטער (צו דער אריינקומענדיקער מוטער). מאמע!

מוטער. וואָס, טאָכטער?

טאָכטער (רעדט, די מוטער זאָל ניט באמערקנ, וואָס זי טוט). דו האָסט געהערט די געשיכטע?

מוטער. וואָס פאר א געשיכטע?

טאָכטער. וועגנ די פאשיסטנ. ווילסט, איך זאָל דיר דערציילנ?

מוטער. אז דו ווייסט, איז דערצייל.

טאָכטער. אוודע ווייס איך. הערסט, מאמע, אז די פאשיסטנ זיינענ אריינ אינ ווארשע, האָבנ זיי צונויפגעקליבנ העכער פינפ הונדערט יידנ אונ געהייסנ, זיי זאָלנ זיך לאָזנ לויפנ נאָך די פאשיסטישע סאָלדאטנ, וואָס האָבנ געריטנ אפ פערד.

מוטער. אפ פערד?

טאָכטער. אפ פערד. אונ אז א ייד פלעגט פאלנ א פארמאטערטער, פלעגנ די פאשיסטנ אויסקלייבנ א פאָר יידנ, צווינגענ זיי, זיי זאָלנ שמייסנ דעמ אָפּגעשטאנענעמ, טרייבנ אימ, ביז ער פלעגט פאלנ א טויטער. פאר וואָסערע פיר-פינפ שאָ זיינענ אלע יידנ געפאלנ טויט. געבליבנ זיינענ נאָר א טאטע, א געזונטער שמיד, מיט א זונ אונ א טאָכטער.

מוטער. ס'א שרעק.

טאָכטער. ס'א שרעק.

מוטער. וואָס ווייטער?

טאָכטער. ווייטער האָבנ די פאשיסטנ געגעבנ דער טאָכטער א ביקס אונ באפוילנ, זי זאָל שיסנ איר פאָטער אונ ברודער.

מוטער. זי האָט געשאָסן? ס׳קאָן ניט זײַן!

טאָכטער. וואָס זשע קאָן יאָ זײַן?

מוטער. איך אָפּ איר אָרט וואָלט געשאָסן אין די דאָצכים.

טאָכטער (באַגײַסטערט). מאמע!.. זי האָט געשאָסן אין די ראָצכים.

מוטער. געבענטשט זאָל זײַן די מוטער, וואָס האָט אזא קינד.

טאָכטער. געבענטשט זאָל זײַן, זאָגסטו?.. מאמע, דו האָסט ניט געזען מײַן רוקזאק?

מוטער. אָט איז ער. אַפּ וואָס דארפסטו אים?

טאָכטער (נעמט דעם זאק). א צווייטע געשיכטע, מאמע, ווילסטו הערן?

מוטער. דערציייל שוין, אז דו דערציילסט.

טאָכטער. די צווייטע געשיכטע האָט פאסירט בא אונדז אין לאנד. אז די דײַטשישע גאזלאָנים האָבן זיך אריינגעריסן צו אונדז, האָבן זיך אלע יונגע פון ארום און ארום דערקלערט פאר מאָביליזירט און זײַנען אוועק אפּן פראָנט. איין מוטער האָט אוועקגעשיקט אירע דרײַ קינדער, — צוויי זין און א טאָכטער. קיין טאטן האָבן זיי ניט געהאט, האָט זיי די מאמע אליין ארויסבאלייט.

מוטער. איך שטעל זיך פּאָר די געזעגעניש.

טאָכטער. אז זי האָט זיך געזעגנט מיטן ערשטן זון, האָט זי געוויינט. זי האָט אים אָבער געזאָגט: קוק ניט, וואָס איך וויין, זאָלסט זאמלען אזויפיל צאָרן, וויפל איך צאר...

מוטער. א זאָג א ביסל פון א מאמע.

טאָכטער. באם געזעגענען זיך מיטן צווייטן זון האָט זי געהאט טרוקענע אויגן. „מיר איז א פרייד, האָט זי געזאָגט, צו האָבן אזוינע קינדער".

מוטער. מײַנע ווערטער!

טאָכטער. מיט דײַנע ווערטער, מאמע, האָט זי ארויסבאלייט איר צווייטן.

מוטער. נו, און די טאָכטער?

טאָכטער. און די טאָכטער האָט אָנגעטאָן דעם רוקזאק אפּ די אקסלען, איז צוגעגאנגען צו דער מאמען און האָט זי א קוש געטאָן (טוט עס אליין). טאקע מיט די ווערטער: דו האָסט אליין געזאָגט, מאמע, געבענטשט זאָל זײַן די מוטער, וואָס האָט...

מוטער (האָט פארשטאנען). טאָכטער!!!

טאָכטער. זײַ געזונט, מאמע, מע רופט, זײַ געזונט!.. (פונדערווײַטן דער מיליטערישער מארש).

מוטער (בלײַבט שטיין פארגליווערט). וואָס האָט אזא קינד...

ש. גאָדינער און י. זעלדינ

אונדזער מישפּאָכע

(א בילד)

אָנטײלנעמער: לײע, ליפּע, אלעק, פײגעלע.
צײַט — 23 יונ 1941 יאָר. פארנאכט.
אָרט — א סאָװעטישע שטוב.

ערשטער אופטריט — אלעק.

אלעק (אײנער אלײנ אינ שטוב, פּאקעװעט א רוקזאק). דוכט זיכ — אלצ גענומענ. אלצ! װאָס נאָכ? (ער קוקט אפנ זײגער) יאָ! װײניק צײַט געבליבנ... מע דארפ זיכ נאָכ געזעגענענ... זע נאָר, װו איז דאָס די מאמע? עפּשער איבערלאָזנ א צעטעלע? יאָ! (שרײַבט און לײענט אפנ קאָל) „מאמעניו, טאטע, שװעסטערקע, געקומענ פונ װאָיענקאָמאט, געװארט אפ אײַכ, זיכ געזעגענענ. נו, זײַט געזונט, איכ קוש אײַכ". (גײט א טראכט, שרײַבט צו) „מאמע, אלצ, װאָס דו האָסט צוגעגרײט פאר מיר, האָב איכ מיטגענומענ. דו פארלאָז זיכ שוינ אפ מיר. עס װעט זײַנ גוט". (לײגט אװעק דאָס צעטעלע אפנ טיש) נו, אָט... זײַ געזונט, מאמע... אפנ פּאפּיר איז עס גרינג... דאָס געזעגענענ זיכ... איבערהויפּט טאקע מיט דער מאמענ... דער טאטע איז בא מיר א מאָלאָדיעצ. אימ זאָג איכ: „טאטע, זײַ געזונט!" און פארטיק! (אינ דער טיר באװײַזט זיכ ליפּע)

צװײטער אופטריט — אלעק און ליפּע.

אלעק (שטויסט זיכ אָנ אפנ פאָטער אינ דער טיר). אוי, טאטע! נו, טאטע, זײַ געזונט! און פארטיק!

ליפּע. שטײ נאָר. װאָס הײסט — פארטיק? און די מאמע?

אלעק. יאָ... די מאמע... אָט... א צעטעלע... פארשטײסט, ס'איז שוינ ניטאָ קײנ צײַט...

ליפּע. יאָ... צײַט איז װײניק... אָבער... א צעטעלע? דאָס טויג ניט... מיט דער מאמענ מוז מענ זיכ זענ... װארט צו אפ מיר... (עפנט א שופלאָד, נעמט ארויס פּאפּירנ) איכ קומ באלד צוריק...

אלעק. וווהין אייַלסטו?

ליפּע. איך וועל דיר שפּעטער זאָגן. וואַרט צו אַפּ מיר. (אָפּ).

אלעק (קוקט אים לאַנג נאָך). ער — אויך? זייַן יאָר רופט מען דאָך ניט! (רעדט אַזוי, ווי ער וואָלט עמעצן דערווידערט) נו, זייַן יאָר קאָן גיין אַלייַן... זייַן יאָר האָט נאָך מיט דרייַ און צוואַנציק יאָר צוריק געפירט דעם גאַנצן זאַוואָד אַפן פראָנט! אייַ האָבן זיי געטריבן דעם דייַטשישן אָקופּאַנט פון אוקראַיִנע, אַ רויך איז געגאַנגען! נו, איצט... אַפּ שטויב וועלן מיר זיי צעריייַבן און אויסראָטן אַפּ אייביק... (מיט פּאַרדרוס, נאָכאַמאָל איבערקלייַבנדיק די זאַכן) עך, טאַטע! ווו זשע ביסטו פריִער געווען? מיר וואָלטן דאָך געקאָנט גיין אין איין טייל! נו, דאָס איז גאָרנישט... אָט וועט ער באַלד קומען און זאָגן: „זייַ רויִק, זונעלע, דאָס איז שוין באַוואָרנט!" יאָ... דאָס איז שטאַרק פּאַכאָזשע דערויף... אָבער מיט דער מאַמען? (אומצופרידן מיט זיך אַליין) מיט דער מאַמען... מיט דער מאַמען... מיט איר בלייַבט דאָך פייגעלע. יאָ, דאָס ווייסן מיר!.. אָבער... דער עלטערער איז שוין אין דער אַרמיי, דער ייִנגערער — גייט, דער מאַן — אויך... אַ פּאָשעטע ייִדענע, די מאַמע מייַנע, וואָס קאָן זי זאָגן דערויף?

(אַ קלונג אין טיר)

אלעק (דערפרייט). אָט גייט זי, די מאַמע... (עס קומט אַרייַן פייגעלע)

דריטער אויפטריט — אלעק און פייגעלע.

פייגעלע. אלעק... דער טאַטע... די מאַמע — ניטאָ? דו ווייסט, אלעק, איך גיי אַפן פראָנט מיט אַ סאַנאָטריאַד...

אלעק (פילדרייַטיק). יאָ-אָ!..

פייגעלע (קוקט אַפן ברודער פרעגעוודיק). וואָס זשע? איר — מעגט, איך — טאָר ניט?

אלעק (מיט כשאַד). ווער איז דאָס דער „איר"?

פייגעלע. נו, באָריס, דו...

אלעק. א-א... יאָ... וואָס הייסט — דו מעגסט? דו מוזט? מאָלאָ-דיעץ, פייגעלע! אָבער... די מאַמע...

פייגעלע (פאַרטראַכט). די מאַמע... (עס קומט אַרייַן ליפּע).

פערטער אויפטריט — אלעק, פייגעלע און ליפּע.

פייגעלע (ווינקט מיט די אויגן אַפן פאָטער).

אלעק (שאָקלט מיטן קאָפּ אַפּ יאָ).

פייגעלע. טאַטע, דו ווייסט... (פאַרהאַקט זיך).

אלעק (שיכט אויס). זי גייט אַפן פראָנט!

פייגעלע. יאָ, מיט אַ סאַניטאַר-אָטריאַד... דו פאַרשטייסט... איך...

ליפּע (נעמט זי אַרום).

פ ײ ג ע ל ע (דערפֿרײט)· טאַטע, איך האָב געװוּסט, אַז דו װעסט...

ל י פּ ע (גיט זי א קוש)· ריכטיק, ריכטיק, מײדעלע...

פ ײ ג ע ל ע. אָבער... די מאַמע... װי זאָג איך עס דער מאַמען?

א ל ע ק. דער טאַטע װעט זאָגן...

ל י פּ ע (קוקט לאַנג אױף די קינדער)· און איך װײס, מײנט איר, װי צו זאָגן איר? אַז באַריס איז שױן אױפֿן פֿראָנט, ער (װײַזט אױף אַלעקן) — גײט הײַנט, דו — דאָסגלײַכן... און איך, טאָכטערקע...

א ל ע ק (מיט היץ)· טאַטע, איך שװער, אַז איך װײס: מיט מיר איז אײן טײל גײסטו!

ל י פּ ע (קוקט צערטלעך אױף אַלעקן)· יאָ.

פ ײ ג ע ל ע. טאַטע!.. (פּאַוזע) און די מאַמע? (עס קומט אַרײַן לײע)

פֿינפֿטער אױפֿטריט — אַלע און לײע.

א ל ע (מיט פֿרײד). מאַמע!

ל ײ ע. אױ, קינדערלעך, איך בין געלאָפֿן — שיר די געשאָמע ניט פֿאַרלאָרן! געמײנט — אַלעק איז שױן אַװעק. (צום פֿאָטער) און דו... נו, דו, האָב איך פֿאַרשטאַנען, װעסט צװואַרטן אױף מיר... (צו דער טאָכטער) פֿײגעלע, גיכער, עפֿן די שאַפֿע, דערלאַנג מיר דעם טאַטנס װעש... (קוקט זיך אום) װאָס שטײט איר אַלע אַזױ?.. פֿײגעלע, מע דאַרף אױסריכטן דעם טאַטן...

ל י פּ ע. אױסריכטן מיך? װוּהין?

ל ײ ע. װוּהין, װוּהין... איך װײס דאָך...

ל י פּ ע (דערנענטערט זיך צו איר, צערטלעך)· דו פֿאַרשטײסט, לײעלע.

ל ײ ע. איך פֿאַרשטײ, איך פֿאַרשטײ... איך קען דיך ניט? איך געדענק נאָך פֿונעם אַכצנטן (װײַזט אױף אַלעקן)· אים איז נאָך קײן כּוידעש ניט געװען, װען דו ביסט אַװעק טרײַבן די דײַטשישע אָקו־פּאַנטן.

א ל ע ק (לױפֿט צו צו דער מוטער)· מאַמע, דו װײסט, איך בין מיט אים אין אײן טײל... דאָס האָט ער באַװאָרנט, מיר אַפֿילו קײן װאָרט ניט געזאָגט...

ל ײ ע (נעמט זײ בײדן אַרום מיטן בליק)· מיטן טאַטן? (קוקט אױף זײ צערטלעך) דאָס איז זײער גוט... (באַמערקט די טאָכטער, װי יענע שטײט אַ פֿאַרלאָרענע) קום אַהער, פֿײגעלע, װאָס שטײסטו עפּעס אַזױ? װאָס קוקט איר אַלע אַזױ, װי איר װאָלט פֿאַר מיר מוירע געהאַט... עפּשער מײנט איר, אַז איך װײס ניט, װאָס סע טוט זיך הײַנט אין אונדזער מישפּאָכע...

פ ײ ג ע ל ע (נעמט זי אַרום)· מאַמע... און דו?

לייע. איך... מיט דיר...

פייגעלע. מאמע...

לייע. נו, וואָס, וואָס, קינד? רעד!

פייגעלע. מאמעניו, איך גיי אויך...

לייע. וואָ-אָס?

פייגעלע. איך גיי אפן פראָנט... מיט א סאניטאר-אָטריאד...

לייע. דו — אויך? אפן פראָנט? יאָ-אָ... דאָס האָב איך ניט געווּסט... (צום פאָטער) דו האָסט געהערט? דו האָסט באַנומען?

ליפע. יאָ, לייעלע, געהערט... באַנומען... אָבער... ווי ווּעסטו אײנע אַלײן?

לייע (קוקט אפ אים לאַנג, הייבט אָן שטיל). וואָס הייסט — אײנע אַלײן? (פאַקעוועט דעם מאַנס זאַכן) אַן אײנפאַל — אײנע אַלײן... דו קוקסט, ליפע, אפאָנעם, אַזוי: עס לעבט זיך א ייִדענע לייע, א שטוב-באַלעבאָסטע, ווי מע רופט עס, א מאמע צו די קינדער און א שטיקל פריינט צו איר מאַן. איז, אַז ס'פאָרט אוועק דער מאַן מיט די קינדער — בלייבט זי אײנע אַלײן... אײערנעכטן וואָלט איך זיך עפּשער טאַקע אַזוי געפילט... אָבער היינט... (עס גיט א קלונג דער טעלעפאָן) וועמען רופט מען? לייען. ווער, מײנסטו, רופט עס? — דער דירעקטאָר פון דײַן זאַוואָד...

ליפע. דער דירעקטאָר?

לייע. יאָ, קוק, ליפע. אָט-אָ דאָ לייג איך דאָס גאָלמעסער מיטן זייפ, מיטן שפּיגעלע. און דו זאָלסט זיך ניט פארלאָזן קיין קאָלטן... מיט א פארוואַקסענער צורע איז אומעטיק אפ דער נעשאָמע...

ליפע (אומגעדולדיק). נו, גוט. איך ווייס דאָך, אַז דו האָסט פײַנט קאָלטענעוואַטע... נארישקייטן... וואָס זשע האָט ער געוואָלט, דער דירעקטאָר?

לייע. ניין, ליפע, ניט קיין נארישקייטן... א הייליקע זאַך גייט איר טאָן — טאָר מען ניט זײַן אָפּגעלאָזן... דײַקע פארקערט!

אַלעק. אוי, מאמעניו, ביסט דאָך אַן עמעסער אַגיטאַטאָר?

לייע. טרײַב ניט קיין קאַטאָוועסן. שלאָג מיך ניט איבער. ניטאָ קיין צײַט. יאָ... קלינגט מיר דײַן דירעקטאָר און הייסט מיר היינט קומען צו דער אַרבעט אפ דײַן אָרט, ליפע... און דו זאָגסט... אײנע אַלײן... (ווײַזט אים דעם רוקזאַק) נו, גוט אַזוי?

ליפע (באַגײַסטערט). בעסער קאָן שוין גאָר ניט זײַן, לייעלע... די גאַנצע מישפּאָכע... מיט דער מאמען...

לייע. אָט די ספראָנטשקע דאַרף מען שטאַרקער צונייען... (פאַריכט דעם רוקזאַק און רעדט שטיל) א שלעכטע מאמע וואָלט איך געווען, ליפע,

ווען איך האָב ניט אזא מישפּאָכע! און... וואָס איז דאָ לאנג צו ריידן... אָט לאָמיר בעסער הערן עפּעס נײַס. (שליסט איַין די ראדיאָ).

ראדיאָ-רופאָר (א פרויען-שטים). אונדזער מישפּאָכע איז 200 מיליאָן און דאָס לאנד איז אונדזער מוטער! (לייע נייט האסטיקער) די מוטער וועט ניט דערלאָזן, אז די פאשיסטן, די מעשוגענע הינט זאָלן רײַסן און פליקן שטיקער לײַב פון איר מישפּאָכע, זי וועט דערשטיקן די כײַע, וואָס וויל צעטרעטן איר היים, אָנטאָן אפ אונדזערע פלייצעס די געלע לאטע פון קנעכט! (לייע פארציט שטארק דעם פאָדעם און רײַסט אים אָפּ) די מאמע וועט אראָפּרײַסן דעם קאָפּ בא דער כײַע, וואָס וויל פײַניקן אונדזערע קינדער, פארשקלאפן אונדזערע זין און פארגוואלטיקן אונדזערע טעכטער און שוועסטער!

לייע. נא, טו אָן אפ די פלייצעס, ליפע! צו דער מאָס?

ראדיאָ-רופאָר. קינדער פון אונדזער לאנד! גיט א קוק, זעט: אָט איז זי ארויסגעקראָכן פון איר הייל, די מעשוגענע כײַע! זי וויל טרינקען אונדזער בלוט, זי וויל פארוויסטיקן אונדזער פרײַע ערד, אונדזערע פריילעכע שטעט, אונדזערע בליענדיקע קאָלווירטן. מירן זי טייטן! מירן זי טייטן!

לייע. טוט זיך אָן, קינדערלעך, ניטאָ קיין צײַט, קומט!

אלע (טוען זיך אײַליק אָן, שטעלן זיך אויס ארום דער מוטער, שטיל). קום, מאמע!

ראדיאָ-רופאָר. אלע, אלע, — אין שלאכט קעגן דער פאשיסטישער כײַע! אלע ביז איינעם — קומט ארויס אפ דער גרויסער און הייליקער פאָטערלענדישער מילכאָמע. א טויט דעם פאשיזם! א טויט! (די שטוב איז ליידיק, דאָס פענצטער איז אָפן, דאָס פאָרהענגל כוואליעט זיך רויק אינעם זומער-פארנאכט)

(פאָרהאנג)